# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 119) צענטער יאַרגאַנג דעצעמבער 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

צוריק אָנגעצונדענע ליכט, אזא חנוכה ליד הייאָר, דער פּרעזידענט פון ישראל, „לחיים חבר סטאַלין" ........................ ** 1
ר' חיים דער וועג-ווייזער (צו זיין 75־טן געבוירן־טאָג) .... משה עובד 6
מיין היים-לאַנד דו (ליד) .............................. ס. פּאַלמע 8
אויך אין לאַנד אין אונדזערס (ליד) ...................... א. ברוידס 9
אליהו בחור (400 יאָר נאָכן גרויסן שפּילמאַן־דיכטער (עסיי) ........................ דר. יעקב י. מייטליס 10
היינריך היינע (צום 150־סטן געבוירן טאג דעם 13־טן דעצעמבער) ........................ אליהו פּאלושאַק 16
דריי אָפּאָלאגיעס (1 פרעמד שפּראַכיקע אַפּאָלאָגעטיק) .... לעאָ קעניג 19
מצרים (ליד) ........................ ימיאל עובד 20
די סיבירער קאָזאקן אין לאָנדאָן (אַ קאַפּיטל פון אַ ביאָגראַפיע) ........................ מאקס קאָהען 23
נאָוועמבער לידער ........................ א. נ. שטענצל 28
פרומע געזאנגען און לירישע פּאָעמעס פון יוסף הלל לעווי ........................ אסתר קרייטמאַן 32
די קראַפט פון גייסט (איבער ישעיהו שפּיגלס „מלכות געטא") ........................ י. י. ראַפּאָפּאַרט 36
אויפן שוועל פונם נייעם יאָר ........................ י. ביעטש 39
אין־דער־גיך און פאַרביילויפיק (קולטור און געזעלשאַפטלעך) .... ש. 42
דער סוד פון „קציצת צפרנים" (חסידישער פאָלקלאָר) ........................ יחזקאל נח ערליכמאַן 47
רעדאַקציע נאָטיץ ........................ 48
די ווייטערדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........................ 48

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס-פּרייז: —19/6 פאַר א יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר א יאָר
1/9 פאַר א פּראָבע נומער

**„ד י צ ײ ט"**

גענרינדעט אין 1913 פון
מאָרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פּריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 27־טן נאָוועמבער 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון

**„בן-אורי" קונסט גאַלעריע**

14 פאָרטמען סטריט וו.1

**400 פייערונג פון אליהו בחור**

דר. יעקב י. מייטליס וועט האלטן אַ
רעפעראַט אליהו בחור און זיין צייט.
י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען
אַפּאַטאַשוס דערציילונגען „אליהו בחור"

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

**אונזער מיטגעפיל**

צו אונזער פריינט און מיטאַרבעטער **מאַרקוס כהן** צום טויט פון זיין פרוי — ער זאל פון קיין צער נישט מער ווייסן.

פריינט פון יידיש לשון
און לשון און לעבן

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.*1

## א גרויסע חנוכה פייערונג און ווארט קאנצערט

פריינט פון יידיש־לשון אָרדנט איין — שבת, דעם 17טן דעצעמבער, 7 אָוונט
אין קינגס־האָל, קאָמערשל ראד, א חנוכה קאָנצערט
צינדן חנוכה ליכט וועט אַ באַקאַנטער חזן און זינגער
אין פּראָגראַם פון רעציטאַציעס און געזאַנג וועט צווישן אַנדערע דער גוט
באַקאַנטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג אויפטרעטן מיט זיינע באַליבטע
געזאַנג־און וואָרט־דעקלעמאַציעס

פון — 2/6 בילעטן ביז — 7/6

### אַ האַרציקן מזל טוב

צו דער חתונה פון מאַרטין דזשעקאָבס מיט ראָזעט טשערני וואָס וועט פאָרקומען זונטיק, דעם 11־טן דעצעמבער ווינטשן מיר מזל און ברכה

די רעדאַקציע לשון און לעבן

די טעכניקער ביי נאַראָד־פּרעס ווינטשן אַ האַרציקן מזל טוב צו אונזער קאָלעגע און פריינט מאַרטין דזשעקאָבס צו זיין חתונה

## א הארציקן מזל־טוב

צו דער חתונה פון דעם באַקאַנטן טעאַטער־מאָלער און הילף־רעזשיסאָר **שלמה בראנשטיין** מיט דער יוגנטלעכע טאַלאַנטירטע שוישפּילערין **אסתרל זילבערבערג**. מיר ווינטשן זיי מזל־ברכה אין זייער צוזאַמענלעבן און אין זייער קינסטלערישע אַרבעט

לשון און לעבן און פריינט פון יידיש לשון

### אַ גליקלעכע רייזע

דעם טעכניקער פון נאַראָד־פּרעס יוסף קליין צו זיין עמיגרירן קיין אַמעריקע, ווינטשן מיר אַ גליקלעכע רייזע און מזל און ברכה
— די רעדאקציע לשון און לעבן און די טעכניקער

## פריינט פון יידיש לשון טרעפן זיך

ביי אַ גלעזל־טיי, זונטיק דעם 4 דעצעמבער, 4 אַ זייגער, לכבוד דעם אָפּפאָרן פון די באַרימטע קינסטלער

**זיגמונט און ראזא טורקאוו**

פינקטלעך! אין אונזער לאָקאַל גרעטאָרעק סט. 1.א


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 119) צענטער יארגאנג דעצעמבער 1949 לאָנדאָן


## צוריק אנגעצונדענע ליכט

אויב עס איז פאראנען אין אונזער געשיכטע אַ פּאַראַלעל צו די נצחונות פון די מכבי״ם, זיינען עס זיכער די נצחונות אין ישראל וואָס מיר האבן דערלעבט אין אונזערע טעג — „בימים ההם ובזמן הזה“!

דער העראָאישער קאמף פון די חשמונאים איז געווען נישט נאר אַ געראנגל פאר פרייהייט, פאר מלוכה, פאר אַליין הערשאפט, פאר באַפרייאונג און כבוד — פאר חירות! די אלע גוטע צילן זיינען סוף כל סוף נישט פיל גרעסער ווי די מיטלען אַליין; זיי וואַקסן נישט אַריבער איבער זיך; זייער גלאָריע וואַרפט קוים אַ ווידער־שיין, נישט קיין ליכט לדורות; און זיי איז נישט שייך קיין לשמה, קיין לשם מצווה! זיי זיינען מלחמה לשם מלחמה — מנצח צו זיין, אַ נידערלייגן דעם געגנער און בלייבן דער זיגער! ביי זיי זיינען אפילו די ווערטער נקמה און קנאות נישט שייך — זיי ווערן נישט אָנגעצונדן פון קנאת אדוני צבאות, צומאל נישט פונם אל־נקמות־פייער — —

חנוכה איז נישט קיין חג החירות, אַ זיגער־פרייד פון קעמפער, פון גענيסער פון זייער געראנגעל — חנוכה איז דער יום־טוב פונם צוריק אָנגעצונדענעם ליכט אין הארץ פון ישראל.

די מכבי״ם זיינען געווען די קעמפער פאר גאטס וועגן, זייער קאמף איז געווען לשמה, צו באווייזן פאר דער וועלט „מי כמוך באלים אדוני“ — זיך באפעסטיקן ווי „מלכות כהנים וגוי קדוש“, זיי האבן אויף דער פינסטערער ערד אַראָפּגעברענגט די קרוין פון מלכות שמים — זיי האבן צוריק אָנגעצונדן דעם געטלעכן בראנד־פייער אין פארלאָשענעם הארץ.

נישט זיך צו באַפרייען פון אַן עול, נישט דאס לאנד אויסצולייזן פון אַ יאָך, נאר די הייליגע ערד באפרייען פון די טמאים, וואָס זיינען זי מטמא — עס איז געווען „וזדים ביד עסוקי תורתך“. דער נס־חנוכה איז געווען דער זיג פון דער יידישער נשמה, די צוריק פאַריייניגונג פון ישראל סבא.

און וואָלטן מיר דען יעצט געווען געהאַט דעם נצחון אין ישראל, ווען עס וואָלט זיך נאָר געווען געהאַנדלט וועגן ישוב, וועגן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער פרעמדער הערשאַפט, וועגן גרינדן אַ מלוכה כדי צו זיין „ככל הגויים“?

עס וואָלטן נישט געסטייעט די פיזישע כוחות דערצו, די פסיכישע אויס־געהאַלטנקייט וואָלט נישט אויסגערייכט, און די סימפּאַטיעס פון די מיט־העלפערס זיינען זיכער נישט געווען בכדי מיר זאלן גרינדן נאָך אַ מלוכה „ככל הגוים“....

דער קאַמף אין ישראל איז געווען אַן אויפגעפלאַקערטע מלחמת־מצווה, אַ געטלעך ברענענדיקער לשמה; אויב „אַזאַ נקמה איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן“ וואָס זאל באַצאָלן די מנוולדיקע אכזרים, וואָס זיי האבן אונז אָפּגעטון, וואָרים אויב אזא ברענענדיקע קנאות איז נאָך נישט געבוירן געווארן, וואָס זאל אויסרויכערן די טמאים מתחת שמי אדוני, אָבער אַ ליכט אָנצונדן נאָך די מילאנען אויסגעלאָשענע נשמות דאס מוזן מיר דאָך כאָטש בכוח זיין: דאָס הייליקע שטיקעלע ישראל־ערד זיי לייגן צו קאָפּנס!

די אַנטרונענע פון די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריומס, די אַרויס־געקומענע פון די בונקערס פון די „מעלינעס“, פון די וועלדער, זיי האבן זיך אָנגעלאָפן אין די שטעט פון ישראל ווי די מכב״י־ברידער אין שטעטל מודיעין; און ברענענדיקע נאָך אזוי און רויכערדיקע, האבן זיי אָנגעצונדן זייערע ברידער דאָרט, די העלדן און גבורים אין ישראל, מיט אלטן נקמה פייער פון גאָט־צבאות, פונם אל קנא ונוקם — — —

דער הערואישער איבערמענטשלעכער קאמף און דער געוואַלטיקער נסימדיקער נצחון פון „רבים ביד מעטים“—איז ניט נאר געווען פאר פרייהייט, אליין הערשאפט, פאר מלוכה — עס איז געווען אַ מלחמת מצווה פון יידישע נשמה; עס איז געווען פארן כבוד פונם פארשעמטן ישראל סבא, פאר מיליאנען פארשניטענע און אויסגעלאשענע דורות — — —

דער גרויסער קאמף אין ישראל איז געווען דער געטוענער חסד של אמת פאר די אין פלאמען אויפגעגאַנגענע מיליאנען און דער נצחון איז: דאס אָנ־געצונדענע ליכט וואָס זאל לייכטן לדורות.

און עס איז געווען דאָס ספר דניאל, דאָס יידיש־בוך פון יענער גרוי־ליקער צייט—פון צעשטערטן ירושלים און טויזנטער אין היילן פאַרברענט—ווו דאָס פאָלק האָט געשעפּט דעם אומבאַדינקטן גלויבן און כוח פון נס און אין כוח פון געטלעכער גערעכטיקייט. פון דעם רמזימדיקן, סודות־פאַרהילטן און חלומות־פאַרהוילענעם ספר, האָבן זיי אויף אזא פאָלקסטימלעכן, מאמע־לשונדיק פארטייטשטן אופן אַרויסגעליינט דעם פתרון פון באחרית הימים, אַז אפילו דער וועלט באהערשט דעמאלט, דער „מלכא לכל עמיא אמא ולשניא די דארין בכל ארעה“ — האט פארשטאנען דעם פתרון — — —

אָ, ווי פאַראַלעל צו די געשעעענישן פון אונזערע טעג איז אויך אונזער שאפן! ווי פאלקסטימלעך־מאמעדיק און ווי רמזימדיק־סודותדיק ווערט דאס פאַרטייטש דער האָפּערדיקער „אשרי המחכה“ — — —

און ווי מיר וואַרטן דאס אויף דעם ענד־ציל אויף דעם „לקץ הימין“, אויף דעם „ואחר כן באו בניך לדביר ביתך, והדליקו נרות בחצרות קדשך“.



# אזא חנוכה ליד הייאר

אַז נישט אַצינד מנורות אָנצינדן,
הויך איבער דער „כותל“־מויער אויבן,
פרייד־פאַקלען פלאמיק־צעפלאַקערט,
פאַר דעם נס צו יובלען און צו לויבן;

אָנגעזאַפּטע קנוילן אַזעלכע
די גאַנצע וועלט מיט ליכט צו פאַרגיסן,
ווי מיט בלוט, אונזער פאַרגאָסענעם,
פון יעדן אכזר, מנוולדיק מאוסן;

איז זי דאָך אויף דעם נאָר געבליבן,
אַ געוואַשענע אין הייסע טרערן —
אַז אַ „מנא מנא תקל ופרסין“,
זאָל קלאָר איבער איר געשריבן ווערן — —

ס׳איז יעדער שטיין אַ טרערן־בעכער,
פול געגאָסן שוין פאַר אַ בלשאצר!
זאלן זיי זיך דאָך צוזאַמענלויפן,
די „היטער פון די הייליקע פלעצער“;

זייער צביעותדיק אומווערדיק שפּיל
פון דאָ איבער וועלט ווייטער צו טרייבן,
ווי מענטשלעך עס ציטערט גאָט׳ס האַנט שוין,
זיין פלוך איבער די קעפּ אויפצושרייבן:

„פאַר די שאַקאַלן אין די לעכער,
דעם רעשט פון מיין פאָלק ווילט איר פאַרטרייבן!
פון אייערע ביינער די רעשטלעך,
וועלן די שאקאלן צונויפקלייבן — —“

אַז נישט אַצינד מנורות אָנצינדן,
הויך אויבן איבער דער כותל מויער,
איז נישט נאָר מיר — די גאַנצע וועלט
פאַרהילט וועט ווערן פון שוואַרצן טרויער — —

נישט הייליקע קברים באַהיטן —
אַ ברידער־קבר קומט איר אויסגראָבן!
אַפּנים נאָך אַ הייליקן פלאַץ,
אַ גרויסן, ווילן די פעלקער האָבן.

# דעם פּרעזידענט פון ישראל

כאָטש איך ווייס נישט אויף וועמען מערער איך בין שטאָלץ,
צי אויף מאָטעלע וואָס האָט אַ פּרעזידענט געבוירן,
צי אויף וויצמאַנ׳ען דעם פּרעזידענט בישראל,
האָב איך דעם גלויבן אין משיח נאָך אלץ נישט פאַרלוירן.

ווי יידישיסטיש־דעמאָקראטיש איך בין נישט,
קוק איך נאָך אלץ אַרויס יעדן טאָג אויף משיח׳ן!
אפנים ווי פלינק די „שפּידפייערס" פליען נישט,
וועט אלץ זיין אייזעלע אָנקומען גיכער צו קריכן.

אָ, צו לאנג געוואַרט האָבן מיר אויף דעם „בעתה,
ביז מיליאנען זיינען אין רויך פלאַמען אויפגעגאנגען;
צו טייער געווען דער „הזורעים בדמעה",
אַז פריילעך זאלן איצט קלינגען „יקצרו"־געזאנגען — —

אין טרויער־טאָג פון ישראל אין וויטשעפּל,
אין יענעם „אל מלא רחמים"־טאָג פון צער און זכרון,
איז מיין האַרץ אַ רגע פאַרשוויגן געוואָרן,
ווען וויצמאנ׳ען איך האב געזען עפענען דעם ארון.

שוין אין זיין שרייטן צום ארון קודש
האָבן אַלע געבויגענע קעפּ זיך אויפגעהויבן!
אַזאַ זיכערקייט אין דעם האָפערדיקן גאַנג,
דאָס פארפינסטערטע הארץ נאך ווערט אָנגעפילט מיט גלויבן.

יאָ, אַזוי שטאָלץ גייט אַ נשיא בישראל,
אַזוי איז פאַר זיין פאָלק אַמאָל אַ מלך געגאנגען —
וויצמאַן, מיט זיין גאַנץ „דערגאַנגען" און אנטדעקן,
דעם „ואחישנה" נאָר וואָס גיכער צו דערלאַנגען!

אָבער ווי אַטאָמיש־פאַרטיפט ער זאָל נישט זיין,
און אין פאָרמולעס פאַרפלאָנטערט, ווייס איך בכל אופן:
ווען ער וועט הערן אַז משיח איז געקומען,
וועט ער פון רחובות קיין ירושלים אַנטלויפן — —

וואָרים מיט בלויז רחובות אָן הר חורב,
וועלן חורבות ירושלים נישט אויפגעבויט ווערן!
איז ווינטש איך אים דעם פּרעזידענט פון ישראל,
ער זאל זוכה זיין שופר של משיח צו דערהערן.



# „לחיים חבר סטאַלין"

נישט איציק פעפער און נישט פּרץ מאַרקיש
קענען דאס ליד איצט צו חבר סטאַלין שרייבן,
אָבער צום זיבעציקסטן געבוירן יאָר,
אָן אַ ליד וועט דער בעל־יובל דאָך נישט בלייבן.

נישט קאַמעראַדיש ווי איציק פעפערס ליד,
און נישט סאלוטיש ווי פּרץ מארקיש׳ס סטראָפן —
נישט קיין „קאַמראַד" איך בין און נישט קיין קאָלאָנעל,
דעם „איי־איי" צוזינגען, לחיים־באַזאָפן.

נישט אַן אידעמל אויף קעסט, אַ געקעכלטס —
איך בין דאָך אַ „וויטשעפּלער כניאָק" אַ היגער!
זינג איך מיין ליד צום גענעראַליזמוס,
פון היטלערן, ימח־שמו, דעם באזיגער.

און אויב ס׳האָט גאָט אים, דעם נקמה־נעמער,
צוגעשיקט אונז, א רפואה פאר דער מכה,
זאל ער שוין אויך מיט אים די וועלט אויסהיילן,
ווער ווייסט דען נאך וואָס חייב איז און וואָס זכה — —

און וואָסער פּנים וואָלטן מיר דען געהאט,
אָן הילף זיינער פאר ישראל אונזער מדינה,
ווי די טשאַן־גאיטשעק׳ס וואָלטן מיר אויסגעזען,
צעצאַפּלטע אין קדחת אָן אַ קאָפּ כינע....

איז דאָס וואָס איך ווינטש דעם „ואם בגבורות":
פאַר די שונאים זיך קענען אליין באשיצן,
און די פריינט טאקע לאזן אויף גאטס באראט —
דער מינדסטער פריינט קאן דאך נאך צו עפּעס נוצן!

וואָרים אויב די פיינט זאל גאָט פארטיליקן,
און די פריינט פאַרשטויסן, אַליין בידים....
ווען די וועלט אן אויסגעלייזטע וועט ווערן,
מיט וועם, שונאי ציון, מאַכן אַ לחיים?

אָן דעם טייערן לידל איציק פעפערס,
דעם קאָזאַטשאָק ווי ס׳קאן אים מארקיש אויפטאנצן,
און אַן בערגעלסאָנס טאָסט, מיט מויל צעווערטלטס,
באמת, ס׳וועט די שמחה נישט זיין אינגאנצן.

משה עובד

# ר׳ חיים דער וועג־ווייזער

(צו זיין 75־טן געבוירן־טאָג)

אין די ערשטע יאָרן פון אונזער י.ה. ווען לאָנדאָן האט זיך געפּלושקעט אין דער זילבערנער טעמזע און זיך געבאָדן אין גאָלד און אין פרייהייט; ווען אירע טויערן זיינען געווען געפּראַלט אָפן פאַר אלע ענטרינענע פון קנעכטשאַפט, פאַר ריאַלעזירער פון אלטע חלומות און פאַר ארכיטעקטן פון נייע וועלטן, האָט זיך אין דעם געדיכטן שטראָם פון איינוואַנדערנדע געפונען אַ יונגערמאן מיטן נאָמען חיים ווייצמאַן. אַרויסגעוואַקסן איז ער פון די טיפסטע זומפּן פון יידישן גלות, און זיין פּראָפעסיע איז געווען די פּראָגרעסיווע געפערליכע וויסנשאפט פון כעמי.



און ווען דער יונגער חיים האָט דערזען ווי די לייצעס פון דער מעשה מרכבה פון אונזער באַפרייאונג זיינען אין די באַפליגעלטע הענט פון די צוויי נאַציאָנאַלע ווייטזעהענדע זעהערס, הערצל און נאָרדוי, איז ער געקומען מיט זיין ליטווישן, כעמיסטישן, אַנאַליטישן מוח צום פּאָזיטיון באַשלוס אַז מדארף דעם רייטוואָגן רעטן פון די וויזיאָנערן, וויל דורך דער צו שנעלער באַוועגונג קען נאָך דער רייטוואָגן זיך אָנצינדן און ווערן פאַרברענט.



האָט אָט דער ר׳ חיים אויסגעטראכט אַלערליי ערפינדונגען אָפּצושטעלן דעם פליענדיקן רוישיקן שוואונג, ער האָט אונטערגעלייגט כלערליי מכשולים, זיך צוגעכאַפּט צו די רעדער און זיי געדרייט צוריק ארויף אויף דעם רייטוואָגן און די אָנפירער דערקוטשעט די יאָרן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז ס׳איז אים געלונגען איבערצונעמען די לייצעס אין זיינע אייגענע הענט.

ער האָט גלייך אָפּגעשטעלט דעם טעמפּאָ, און יומם ולילה געהאַלטן די לייצעס אין זיין רשות ביז מייל נאָך מייל האט ער דערגרייכט צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד.

אין לאָנדאָן האָט דער שרייבער (און מעקער) די לעצטע עטליכע און פערציק יאָר געהאַט די גלענצענדע געלעגנהייט צו זען ר׳ חיים׳ן אין פאַרשיידענע עטאַפּן, און אויף פערשידענע סטאנציעס פון זיין נסיעה. און אייביק האָב איך געפונען ר׳ חיים׳ן האַלטן זיין גלייכגעוויכט, אפילו אין מאָמענטן ווען זיין הארץ איז איבערלאָפן פון האָפנונג און פרייד אדער איז געוואָרן געשוואָלן פון צער און צאָרן האָט ר׳ חיים זיין האַרץ געהאַלטן פעסט אין די גרעניצן פון אייזערנעם פאַנצער פון לאָגיק.

מקען זאגן אז מכף רגלו ועד ראשו האט ער זיך קאנטראלירט און געצוימט, אייביק געגאנגען מיט טריט געמאָסטענע, און אייביק גערעדט מיט ווערטער געציילטע.

ווען איך האב אים ,דאכט זיך אין יאָר 1904, דאָס ערשטע מאל געזען און געהערט אַדרעסירן אַ רעוואָלטירנדיק ציוניסטישע קאָנפערענץ, הגם זיין שטערן און אויגן האבן אויסגעזען ענליך צו לענינס, און סשפּיציק בערדל האט געברענט ווי טראָצקיס, און די טעמא האט אויפגעקאָכט חסידישע בלוטן אין מתנגדישע פויסטן! דאָך האט ער גערעדט מיט קאלטע, קלארע, געציילטע ווערטער.

אין יאָר 1916 ווען זיין פּאָליטיק האָט זיינער צייט געליטן אַ שטארקן קלאַפּ האט מען פאַרופן אין בית ציון אין דעם קליינעם האָל פון ווייטשעפּל אַ געהיימע פאַרזאמלונג. אחד העם איז געווען פאָרזיצער, סאָקאָלאָוו און ווייצמאַן די רעדנער. אחד העם האט גערעדט לעבליך, סאָקאָלאלוו וואַרעם, ווייצמאן קיל. די קריטיק פון זאל הייס. דער שרייבער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אויסגערופן פייערדיק: ,גייט אייער וועג ר׳ חיים! גאָט וועט זיין מיט אייך“.

באַלד נאך דער ערשטער מלחמה אין 1919 ווען איך האב געוואָלט מיטשיקן אַ גרוס צו די הרי יהודה האב איך עס מיט געשיקט מיט ווייצמאנען וויסנדיק אז ער וועט נישט איבערטרייבן אדער אונטערטרייבן נאר עס איבערגעבן פונקטלעך און גענוי. יעדער וואָס קען אים מוז אים רעספּעקטירן, הגם ווי די הרי יהודה האבן ליב. ווי עס שטייט געשריבן אין בוך „וויזיאָנען און איידעלשטיינער“ — „יעדער ציוניסט האט ליב סאָקאָלאָוון, רעספּעקטירט ווייצמאנען און האט מורא פאר זיין ווייב, איך בין ווי יעדער ציוניסט“.

און פאַרוואָס באַוואונדערן מיר אים אַזוי? פאַרוואָס האבן מיר פאר אים אַזאַ הייליקן יראת הכבוד?

— ווייל מיר פילן אינסטינקטיוו אַז מיר זיינען אַ פאלק פון היץ קעפּ און בעלי גוזמאות מיר פארלירן לייכט די גלייכע וועגן, און מיר דארפן מיטן לעבן אַזאַ מענטש ווי ר׳ חיים פאר אונזער וועג-ווייזער. אויף לאַנגע לאַנגע יאָרן.

## ס. פאלמע

### מיין היים-לאנד דו

1

אָ, מיין היים-לאַנד דו,
מיין אויסגעבענקטע היים-לאַנד רו,
שיין-בליענדיק
און גליענדיק
אין גינגאָלד-גורלדיקער שעה, —
אָ, מיין היים-לאַנד דו!

אין בלוי-ווייסן רוים,
שטענדיק וואַכנדיק טאַנצט אַ טרוים:
ווי ריזנדיק
און שפּיזנדיק,
אַז דיין טרוימער דערקאָנט דיך קוים, —
אין בלוי-ווייסן רוים.

עס בויעט זיך,
עס סטרויעט זיך
און אומעטום עס רויעט זיך,
ווייל עס איז אַזוי באַשערט
און רידלענדיק
און ציגלענדיק,
ביז וואַנט צו וואַנט זיך זיגלענדיק, —
לאַכט און פריידט זיך מדבר-ערד.
לאַכט און פריידט זיך מדבר-ערד.

2

אין דיין מדבר-שויס,
צוגרינט אַ צעדער-בוים — ווי גרויס!
און שבת׳דיק,
דרייסט-סאַברעדיק,
וואַקסט ער שטאָלץ פון דיין בוזים אויס —
פון דיין מדבר-שויס.



ס׳איז געווען באַשערט, —
אַז מיין אוראַלטן זיידנס ערד,
זאָל ווערנדיק
פריש-קערנדיק,
אויסגעלייזט דורך בלוט און שווערד —
ס׳איז געווען באַשערט.

עס בויעט זיך,
עס סטרויעט זיך. א.ז.וו.

## א. ברוידס (יידיש ש. שפּיוואַק)

### אויך אין לאנד אין אונדזערם

אויך אין לאַנד אין אונדזערס מעסטן סוחרים אויפן מאַרק
די מוסקלען מיינע און מיין קאַרק.
ס׳קאָכט אין מיר די טרער פון אויסגענוצטן
טאָ ווי-זשע שרייבט זיך לידער אָפּגעטאָקטע, אויסגעפּוצטע?

אויך אין לאַנד אין אונדזערס שקלאַפן-אָנטרייבערס טרייבן אָן
זיי בייגן איין דעם רוקן מיינעם אָן פאַרדאַן
טאָ פאַרביטערט פרעג איך: ווו איז דער פאָרט,
וואָס איז דעם אָרימאַן אַן אָנלען-אָרט?

אויך אין לאַנד אין אונדזערס זע איך ראַבעוואַניע גזילה,
דאָס איז דורות-ווייטיק פון לאַנג אַן.
אין יעדן ווינקל ווערט דער בידנער מענטש דערדריקט
טאָ ווי קאָן איך דעם צאָרן אין מיר האַלטן דערשטיקט?

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פאעמע פון דער דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי.

## ד״ר יעקב י. מייטליס

# אליהו בחור*

(400 יאָר נאָכן גרויסן שפּילמאַן־דיכטער)

דער 16טער יאָרהונדערט, וואָס איז שוין דער איבערגאַנג צום פאָלקסבוך און די מוסר־ליטעראַטור, שליסט בעצם אָפּ די תקופה פון דער אַלט־יידישער שפּילמאַן־דיכטונג, וואָס ווערט איצט אַלץ מער און מער מגולגל אין פאָפּולערע, אָפּט נוסח׳דיקע, פרומע פּראָזע ביכער. אָבער פאַר דער שקיעה פון אָט דער הויכאַנטוויקלטער פּאָעטישער שאַפונג, אַנטפּלעקט זיך אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור אַ מייסטער און אַ פורעמער פון אַ גרויסן פאַרנעם אין דער געשטאַלט פון אליהו בחור.

דער ברייטער וועלט איז אליהו הלוי (אליהו בחור) דווקא באַקאַנט אַלס גרויסער געלערנטער, בעל מדקדק און דער מחבר פון אַ ריי וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. אין דער קריסטלעכער וועלט איז ער געווען אַ שם־דבר און גערופן האָט מען אים עליאַ לעוויטאַ. אויסגעוואַקסן אין דער תורה־און פרומקייט־אַטמאָספערע פון די דרום־דייטשע קהילות (געבוירן אין נײַשטאַט, ביי נירענבערג, ארום 1469), איז ער אויסגערייפט צו אַ וועלט־נאָמען אין דער וואַרימער סביבה פון רענעסאַנס און הומאַניזם אין איטאַליע. עס איז געווען דער פעט־פאַרזייטער באָדן מיט הומאַניזם און וועלטלעכקייט, מיט קריטישער וויסנשאַפטלעכקייט און אַ טיפן דראַנג נאָך גייסטיקער פרייהייט, פון וואַנען די אויפגערודערטע קולטור־וועלט האָט דעמלט געצויגן איר יניקה, באַשיינט פון דער ליכטיקייט און די זאַטע פארבן פון דער שפּעט־רענעסאַנס אין איטאַליע.

עס איז געווען אַ צייט פון אַ גרויסן דערוואַכן, וואָס האָט זיך אין איטאַליע שוין געצויגן פאַר היפּשע עטלעכע הונדערט יאָר (זינט דעם באַרימטן קוואַטראָטשענטאָ) און וואָס האָט געפירט צו אַ בייגייאונג און פאַרטיפונג פון דער קלאַסישער קולטור פון די אַלטע גריכן און רוימער. עס איז געווען אַ שטורעמדיקע, באַפרייענדיקע עפּאָכע, וואָס האָט גענומען אָפּטרייסלען פון זיך די קייטן פון דער מיטלעלטערלעכער סכאָלאַסטיק און קירכלעכע אויטאָריטעטן, און געעפנט נייע וועגן פאַר דער מחשבה און ליטעראַטור, פאַר דער קונסט און וויסנשאַפט. אויף דעם פרוכפּערדיקן באָדן פון דער רענעסאַנס־קולטור האָט זיך צעבליט אַ ניי אינטענסיוו לעבן, האָבן געשפּראָצט פרישע, רעוואָלטירנדיקע כוחות פול מיט יוגנטלעכן אויפברויז און אומגעדולד, וואָס האָבן אין זייער באַנייונג־דראַנג אויסגעפורעמט דעם נייעם טיפּוס רענעסאַנס־מענטש מיט זיין אוניווערסאַלער ווייטקייט און שטייגער לעבן.

צוזאַמען מיט דעם אויפבלי פון דער קלאַסישער קולטור און שפּראַך, איז אויך געוואַקסן צווישן די געבילדעטע שיכטן דער אינטערעס פאַר דער דריטער קלאַסישער שפּראַך, דעם לשון פון תנ״ך, העברעאיש. מען האָט געמוזט קענען העברעאיש, ווייל דאָס איז געווען דער שליסל צום תנ״ך, וואָס איז דאָך געווען דער יסוד פון דער רעפאָרמאַציע און פאַר די פאַרשידענע באַנייונג־באַוועגונגען אין דער קריסטלעכער וועלט. האָבן יידן ווידער אַמאָל געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אלס פאַרמיטלער פון דער העברעאישער קולטור צו דער נישט־יידישער וועלט. זיינען זיי געוואָרן די רבים פון די קריסטלעכע הומאַניסטן, וואָס האָבן מיט גרויס התמדה נישט נאָר געלערנט תנ״ך, נאָר אויך שטודירט דעם זהר און קבלה. העברעאיש איז געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנד פון דער הומאַניסטישער בילדונג פון יענער צייט.

דער פּראָצעס פון גייסטיקער באַנייונג און באַפרייונג, וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון הומאַניזם, האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם גייסטיקן האַביטוס פון יידישן ישוב אין איטאַליע. די אידייע פון הומאַניזם און דערמיט פון בילדונג און פון פרייער פאָרשונג האָט צווישן די איטאַליענישע יידן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס און אַ סך וויסן כאַגיריקע האָבן זיך גענומען לערנען און פאָרשן. פונקט ווי אין דער בלי־צייט פון דער אַראַביש־יידישער רענעסאַנס, האָט אויך איצט אויפגעלעבט די שפּראַך־פאַרשונג, דער סטודיום פון מעדיצין און פון אַ ריי אַנדערע וויסנשאַפטן. יידן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אויפן געביט פון דיכטונג, האָבן פאַרנומען אַ הויכן, אָנגעזעענעם פּלאַץ צווישן די פאָרשער פון תנ״ך און פון דער העברעאישער שפּראַך.

אויף דעם פריש־צעאַקערטן באָדן האָבן די פעיקייטן פון אליהו בחורן צוערשט געפונען זייער תקון. קומענדיק פון דייטשלאַנד, סוף דעם 15טן יאָרהונדערט, ווערט ער גיך אַריינגעצויגן אין דעם שטראָם פון הומאַניסטישער בילדונג און פאָרשונג. פון אָנהייב באַזעצט ער זיך אין ווענעדיק, דערנאָך אין פּאַדואַ, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מקום תורה פאַר קריסטן, אַ צענטער פון העברעאישער שפּראַך־פאָרשונג.

מן הסתם איז געווען פרנסה און רדיפות אויף יידן די סיבה, וואָס האָט דעם ייִנגן יידישן מלמד און געלערנטן געטריבן פון דייטשלאַנד קיין איטאַליע. מ׳האָט זיך געקענט דאָרט לייכטער איינאָרדענען, בעיקר צווישן די אשכנזישע יידן, וואָס האָבן גערעדט דעם זעלביקן לשון אשכנז (יידיש), ווי די יידן פון דרום־דייטשלאַנד. אליהו בחור זאָגט וועגן זיך דעמאָלט, אַז ער איז אי אַ פּאָעט און אי אַ מלמד, וואָס קנעלט מיט קינדער און אי אַ גראַמאַטיקער, משמעות, אַז ער האָט געהאַט אַ ריי פּראָפעסיעס, אַ דערשיינונג, וואָס איז אין דער עפּאָכע פון הומאַניזם און דעם „לואָמאָ אוניווערסאַלע״ (דעם אוניווערסאַלן מענטש) געווען נישט קיין זעלטנקייט.

צו דער צייט, ווייזט זיך אויס, האָט אליהו געשאַפן זיינע ווערק אין יידיש (פון וועלכע אַ געוויסע צאָל איז אונדז באַקאַנט און פון וואָס עס וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן) און פלעגט מיט זיי אויפטרעטן פאַר אַן עולם אַלס זינגער און פירליינער לויטן שטייגער פון די דעמאָלטיקע שפּילמאַן־לייט.

* אַ קצור פון אַ גרעסערן עסיי.

יענע העלדן־לידער און עפאָסן אין גראַמען, וואָס דער יידישער שפילמאַן האָט פאַרפאַסט, פלעגט ער רעציטירן (זאָגן אָדער זינגען, ווי מען האָט דאָס אָנגערופן) ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווען אַן עולם, פרויען, מענער און יינגוואַרג, האָט זיך פאַרזאַמעלט צו „טרייבן קורצווייל", זיך איינצוהערן צו די וווּנדערלעכע מעשות און העלדן־טאַטן פון אַמאָליקע, ווייטע צייטן. דער זינגער האָט אי פאַר זיינע פרעמדע, איבעראַרבעטע און אי פאַר זיינע יידישע שטאָפן אויסגעבאָרגט די אויסערלעכע פאָעטישע פורעם פון דייטשן עפאָס, דעם סטראָפן־געבוי, די מעטריק, ריטמיק און אפילו דעם גראַם־שליסל.

גיך ווערט אָבער אליהו בחור באַקאַנט אלס לערער און וויסנשאַפטמאַן. אין יאָר 1504 גיט ער אַרויס זיין ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס איז אַ פירוש און אַן אויסבעסערונג צו דער גראַמאַטיק ספר המהלך פון משה קמחי. באַלד איז אויך געקומען אַ שנוי צום בעסערן אין זיין לעבן. אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט האָט מען אָנגעהויבן צו ווערן אויף אים אויפמערקזאַם. בשעת ער איז אין יאָר 1514 אַריבערגעפאָרן קיין רוים, איז ער געוואָרן לערער פון אַ הויכן גייסטלעכן, דעם שפעטערדיקן קאַרדינאַל עדזשידיאָ דאַ וויטערבאָ. פאַר דער צייט פון זיין וווינען אין רוים האָט עדזשידיאָ געזיכערט אליהון אַ זאָרגלאָזע עקזיסטענץ און דערמוטיקט אים זיך צו פאַרטיפן אין זיינע פאָרשונגען און בעת מעשה לערנען די קלאַסישע שפראַכן. דעמאָלט איז אויך אַנטשטאַנען זיין באַרימטע העברעאישע גראַמאַטיק „ספר הבחור", וואָס איז אַרויס אין רוים 1518. אין זעלביקן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ריי אַנדערע גראַמאַטיקאַלע ווערק, צוו. אַנד. דאָס „ספר ההרכבה" און זיין „פרקי אליהו". שפעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין „מסורת המסורה", וואָס האָט ממש אויפגערודערט די וויסנשאַפטלעכע וועלט מיט זיין רעוואָלוציאָנערע טעאָריע וועגן דעם סיסטעם פון דער העברעאישער וואָקאַליזאַציע פון תנכישן טעקסט.

אין יאָר 1527 ווערט רוים באַזעצט פון די אַרמייען פון קאַרל 5טן, וואָס צעראַבעווען די שטאָט און אליהו בחור פאַרלירט זיין מנוחה און זיין ביסל האָב און גוטס. ער האָט ווידער אַמאָל גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט אַריין און מיר באַגעגענען אים אָט ווידער אין ווענעדיק, אָט אין דייטשלאַנד, בעיקר אין איסני, ווו ער האָט געדרוקט און צוזאַמענגעאַרבעט מיט זיין קריסטלעכן פריינד, דעם הומאַניסט און טעאָלאָג פאולוס פאַגיוס. קעניג פראַנץ דער ערשטער פון פראַנקרייך האָט אים אויך פאַר דער צייט פאַרבעטן אלס פראָפעסאָר פון העברעאיש קיין פאַריז. אָבער נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע אליהו בחור האָט געלעבט, האָט ער זיך אָפגעזאָגט אָנצונעמען די שטעל. ווי וואָלט זיך אַ ייד ווי ער, וואָס איז אין תוך געווען אַ ערלעכער, פשוטער פאָלקסמענטש, געפילט אין אַ שטאָט און אַ לאַנד, פון וואַנען מ'האָט געהאַט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אַרויסגעטריבן אַלע יידן?

אָבער נישט געקוקט אויף זיין נע־ונד זיין וואַקסט זיין רום. ער שטייט



אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די גדולים פון זיין צייט, וואָס ווענדן זיך צו אים מיט אָנפראַגעס אויפן געביט פון וויסנשאַפט און העברעאישע שפראַך־פאָרשונג. צווישן זיינע פריינד טרעפן מיר אויך דעם באַרימטן דייטשן הומאַניסט סעבאַסטיאַן מינסטער, וואָס האָט איבערזעצט די מערסטע ווערק פון אליהו בחור אויף לאַטיין.

עס איז געווען אַ שווער, אַ יגון־ואנחה'דיק, אָבער אויך אַ זאַט און דערפילט לעבן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אין ווענעדיק אין יאָר 1549, נאָכדעם ווי אליהו בחור איז געהאַט צוריקגעקומען צו זיין פאַמיליע פון דייטשלאַנד. ער האָט דערגרייכט אַ הויכע עלטער און זיין נאָמען האָט אָנגעשפאַרט ווייט און ברייט.

* * * * *

די יידישע שפילמאַן־דיכטונג איז געבליבן אַנאָנים, הגם זי איז נישט געווען קיין אַנאָנימע פאָלקסשאַפונג, איז פונדעסטוועגן קיינער פון אירע גרויסע זינגער און דיכטער פון דער עלטערער צייט נישט געוואָרן באַקאַנט. דער לעצטער אָבער פון די גרויסע פאָלקסזינגער, אליהו בחור, איז אונדז יאָ באַקאַנט און וועגן זיין לעבן זיינען אונדז גראַד באַוווסט אַ סך פאַקטן. פאַר אונדז, וואָס טרעטן צו צו דער פאַרבנרייכער, פילזייטיקער פערזענלעכקייט פון אליהו בחור'ן פון קוק־ווינקל פון דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, איז ער נישט נאָר דער גרויסער בעל־מדקדק, דער פאָרשער און הומאַניסט, נאָר קודם כל אַ דיכטער פון פאָרמאַט, אַ פאָלקסזינגער מיט אַן עכטער קולטור, וואָס פאַרנעמט מיט זיינע שפילמאַנישע מייסטער־ווערק דעם אויבנאָן אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. ער איז אויך דער פיאָנער און שאַפער פון אַ נייער ליטעראַרישער, דער אַזוי גערופענער איטאַליענישער שולע. ער האָט דער ערשטער אַריבערגעפלאַנצט אויף דעם באָדן פון דער יידישער דיכטונג (אַ סך פריער ווי אין דער דייטשער ליטעראַטור) די איטאַליענישע סטראָפע פון דער „אָטאַוואַ רימאַ", דער ריים אין אַכט־געזעץ, ווי מיר רופן דאָס אָן אין יידיש. יעדע סטראָפע באַשטייט פון אַכט שורות, געגראַמט לויטן שליסל פון אב אב אבגג, ד.ה. די ערשטע, דריטע און פינפטע שורה האָבן איין גראַם, בעת די צווייטע, פערטע און זעקסטע שורה האָבן אַן אַנדערן גראַם. די צוויי סוף־שורות האָבן ווידער אַן אַנדערן גראַם. עס איז אַ סטראָפע, וואָס איז געוואָרן באַנוצט מיט גרויס ווירטואָזיטעט פון די איטאַליענישע פאָעטן, ווי אַריאָסטאָ און טאַססאָ, וואָס פאַרלאַנגט אַ סך פאָעטישע דיסציפלין און איינגעהאַלטנקייט, אָבער אין דער האַנט פון אַ מייסטער פליסט זי מיט קראַפט און דראַמאַטישקייט, פול מיט דינאַמיק און באַוועגונג. די דאָזיקע קאָמפליצירטע פערזן־פאָרם אין דעם ווייניק אַנטוויקלטן, פאָרם־אָרימען יידיש פון זיין צייט, האָט אליהו בחור באַהערשט מיט גרויסע פערפעקציע און זיך מיט איר באַדינט גראַציעז און שפילעוודיק. האָט ער דאָך זיין בבא ראָמאַן געגאָסן אין 650 און זיין „פאַריז און וויענע" אַפילו גאָר אין 800 סטאַנסן, שוין גאָרנישט קיין קליינע לייסטונג פאַר אַ יידישן פאָעט פון 16טן יאָרהונדערט!

נעבן זיינע צוויי פּאַסקווילן „המבדיל“, וואָס טראָגט אַ פּערזענלעך־פּאָלעמישן כאַראַקטער, און דאָס ליד אויף דער שריפה פון ווענעדיק, (פון ביידע דערוויסן מיר זיך וועגן די מורא׳דיקע לעבנסבאַדינגונגען אין וועלכע אליהו האָט זיך געפונען איידער ער איז אָנגעקומען קיין רוים), איז אליהו בחור אַלס יידישער שפּילמאַן באַקאַנט דורך זיינע צוויי הויפּט־ווערק: „בבא־בוך“ און „פּאַריז און וויענע“. ביידע ביכער האָט ער אָנגעשריבן אין דער ערשטער תקופה פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, ד.ה. ביז׳ן יאָר 1514, איידער ער האָט זיך באַקענט מיט זיין מעצענאַט און שפּעטערדיקן פריינד, דעם קאַרדינאַל עדזשידיאָ. אמת ביידע ווערק זיינען באַאַרבייטונגען פון אַן איטאַליענישער ווערסיע פון די צוויי פּאָפּולערע ריטער־ראָמאַנען, אָבער אין ביידע האָט אליהו בחור אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן קינסטלערישן טאַלאַנט מיט אַ גרויסער מאָס ליטעראַרישער פרייהייט און זעלבסשטענדיקייט לגבי דעם פרעמדן סוזשעט. ער האָט דעם טעקסט נישט נאָר סתם געקירצט, נאָר אים איבערגעדיכטעט, אים אַריינגעגאָסן אין אַ נייער פורעם און געמאַכט דערפון אַ גאַנצע כלי, מיט אַן אייגענעם נוסח און אַ יידישלעכן קאָלאָריט, צוגעבנדיק דעם גאַנצן אַ סך פאָלקסטימלעכן חן און געמיט.

אין די איבערדיכטונגען אַנטפּלעקט זיך אליהו בחור פאַר אונדז מיט זיין גאַנצער קענערישקייט, אַלס מייסטער פון וואָרט, מיט אַ רייכער הויכער טעכניק פון פערז און אַ פאָלקלאָנגיקער ריטמיק. עס איז דאָ אין זיי אַ סך קינסטלערישע רייפקייט, שפּאַנונג, דראַמאַטישקייט און לעבעדיקע דערציילערישקייט. אין דעם ספור המעשה ווערן אויך פאַרוועבט מער טאָג־טעגלעכע, מער רעאַליסטישע און אַקטועלע דעטאַלן. פעלט אויך אין זיי נישט דער פּערזענלעכער מאָמענט. זיינען אליהו בחור׳ס שאַפונגען אַדורכגעפלאָכטן מיט פּערזענלעכע באַטראַכטונגען, לעבנס פּיקחות און אינטערמעצצאָס. אָפט רעדט ער צו אונדז מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן. אַמאָל איז עס דער חוזק פון דעם שפּילמאַן־לץ און ווידער אַמאָל איז עס דער אָפּגעקלערטער לייכטער שפּאַס פון סקעפּטיקער, אַן אָפּגלאַנץ פון דעם איראָנישן שמייכל פון דעם רענעסאַנס־מענטש.

* * * * *

דאָס „בבא־בוך“ איז אַ פאָלקסטימלעך פאַרוויילונג בוך. עס דערציילט אונדז די פאַרפלאָנטערטע ליבע־געשיכטע פון דעם יינגן ריטער־העלד בבא צו דער שיינער דרוזיינה. עס האָבן זיך אויפגעהיטן אַ ריי ווערסיעס פון דעם דאָזיקן פּאָפּולערן ריטער־ראָמאַן פון קריסטלעכן מיטלעלטער. דער מקור פון יידישן בבא־ראָמאַן איז אַן איטאַליעניש־טאָסקאַנישע ווערסיע אין סטאַנסן פון דעם ריטער „בואָווא ד׳אַנטאָנאַ.“ אליהו בחור זאָגט עדות, אַז ער האָט באַנוצט אַ „וועלשן“ (איטאַליענישן) אָריגינאַל פאַר זיין באַאַרבעטונג. די פּאָעמע איז אַנשטאַנען אין יאָר 1507.

דאָס „בבא־בוך“ איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דרוק אין איסני אין 1541, בעת אליהו בחור איז געווען באַשעפטיקט אין דער דרוקעריי פון זיין



פריינד פּאולוס פאַגיוס. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה איז דאָס בוך געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט ביים יידישן לייענער עולם, אַזוי אַז מען האָט עס כסדר איבערגעדרוקט. אין 18טן יאָרהונדערט אונטער פאַרענדערטע קולטורעלע און סאָציאַלע באַדינגונגען אויפן באָדן פון מזרח־אייראָפּע, האָט דאָס ווערק אַדורכגעמאַכט אַ וווייטערדיקן גלגול. עס איז אַראָפּ אַ שטאָפּל טיפער און אויסטועגדיק דעם יו״ט׳דיקן סטאַנסן־לבוש, געוואָרן אַ פאָלקסבוך אין פּראָזע און אַרויס אונטערן נאָמען „בבא מעשה“, וואָס איז געוואָרן איבערגעדרוקט אומצאָליקע מאָל. די פּאָפּולערקייט פון דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן בוך האָט דערפירט צו דעם באַקאַנטן פלאָנטער, אַז דער אויסדרוק „בבא מעשה“ איז געוואָרן אַ שם דבר, א סימבאָל פאַר יעדער ווילדער, אויסגעטראַכטער געשיכטע, וואָס די באָבע דערציילט. דאָס „בבא־בוך“ (אָדער אין זיין לעצטער פאָרם: בבא מעשה) איז געוואָרן און ווערט נאָך עד היום פאַרטויש ביים פאלק מיטן באַקאַנטן מעשה־בוך.

דאָס „בבא־בוך“ איז געוואָרן דער פּאָפּולערסטער ראמאַן אויף דער יידישער גאַס, אַ פאָלקסבוך אין בעסטן זין פון וואָרט, מיט אַלע חסרונות און מעלות. די סיבה דערפון איז נישט נאָר דער באַהאַנדעלטער שטאָף, די פאַרכאַפּענדיקע עפּיזאָדן, וואָס האָבן גערייצט, געצויגן, אינטריגירט און פאַרכשופט דעם הערער. דער אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג פון דער פּאָעמע איז קודם כל געלעגן אין איר פאָלבלוטיקייט, אין דעם פרישן, לעבעדיקן פאָלקסטימלעכן סטיל מיט וועלכן דער עניוותדיקער, פּשוטער און האַרציקער פאָלקסזינגער אליהו בחור האָט זיך באַנוצט. אויף דעם זאָגן עדות זיינע אומצאָליקע פאָלקסטימלעכע ווענדונגען, זיינע פאַרגלייכן און בילדער, זיינע ווערטלעך און משלים, געקניפּט און געבונדן מיט אַ שטיפערישער פאַרשייטקייט, מיט חוזק און ליצנישער גרימאַסע, וואָס שפּאַרט אָפּט אָן אין וואולגאַריטעט, אַזוי האָט עס פאַרלאַנגט די סביבה, אַזוי האָט געוואָלט דער צייטגייסט. דער ערנסט ווערט פאַרביטן דורך דעם שפּאַס, דאָס פּאַטעטיש־געהויבענע דורך דעם לייכטן טאָן און גראָטעסק.

דאָס צווייטע גרויסע ווערק אין סטאַנסן פון אליהו בחורן, דאָס קינסטלעריש צייטיקערע איז דער ראָמאַן „פּאַריז און וויענע“ מיט זיין אַלטפראַנצויזיש־ריטערלעכן הינטערגרונט און פרעמדן וועלט־באַנעם, וואָס אליהו בחור האָט געגעבן אַן אייגענע נאָטע מיט אַ יידישן נוסח. דער ראָמאַן באַהאַנדעלט די ליבע פון דעם ריטער־וואַסאַל פּאַריז צו דער שיינער וויענע, דער טאָכטער פון זיין קיניג. דער שטאָלצער מלך און סוווערען וויל אָבער פון דעם שידוך נישט הערן, ווייל דער חתן, דער ריטער פּאַריז איז נישט זיינס גלייכן. עס איז דער באַקאַנטער יחוס־מאָטיוו מיט וואָס די וועלט־ליטעראַטור איז אַזוי רייך און אויף וואָס עס איז למשל געבויט אַן אַנדערע יידישע נאָוועלע, די מעשה פון בריעה וחמרה. פּאַריז מוז אַנטלויפן און וואַלגערט זיך אַרום אַ סך יאָרן, אַדורכמאַכנדיק שווערע נסיונות און ביטערעליידן ביז ער קען זיך צום סוף פאַרייניקן מיט זיין באַשערטער. האָבן מיר דאָ פאַר זיך דעם באַ־

קאַנטן, אָפּט באַהאַנדלטן הויפּט־מאָטיוו פון ליבע טריישאַפט, וואָס איז שטאַר־קער ווי טויט און ליידן און איבערקומט אַלע מכשולים.

דער ראָמאַן שטאַמט פון דעם פּראָוואַנסאַלישן דערציילער־קרייז און איז געווען זייער פּאָפּולער אין מיטלעלטער. איינע פון די איטאַליענישע נוסחאות האָט אליהו בחור באַנוצט פאַר זיין פּאָעמע, וואָס אַנטשטאַנען נאָכן „בבא־בוך".

אין „פּאַריז און וויענע" האָט אליהו בחור דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון פאָרם און טעכניק. דער ראָמאַן אין דער איטאַליענישער אָקטאַווע איז אַ קונסטווערק, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ שטאַרקער דיכטערישער אינדיווידואַליטעט. אליהו בחור באַהאַנדלט נישט סקלאַוויש דעם מיטלעל־טערלעכן שטאָף, נאָר ער באַהערשט אים, ער איז זיין מייסטער. מיר פילן אויף טריט און שריט די זיכערע האַנד פון דיכטער, וואָס פלאַנט זיין ווערק, וואָס קירצט, שלייפט און גיסט זיין תוכן אין פעסטע פורעמס. אין פאַרגלייך מיטן „בבא־בוך" איז זיין „פּאַריז און וויענע" רעאַליסטישער, ערדישער, די גע־שטאַלטן נאָענטער און היימישער. זיינע כאַראַקטערן זיינען פולבלוטיק, די דיאַלאָגן פול מיט דינאַמיק און די האַנדלונגען געצייכנט אין בולטע פאָרמען.

סיי זיין „בבא־בוך" און סיי זיין „פּאַריז און וויענע" ענדיקט אליהו בחור מיט דעם סקאַרבאָווען פרומען ווונטש, אַז גאָט זאָל גיך שיקן משיחן אויסצו־לייזן די יידן. עס איז דער אָנגענומענער שפּילמאַן־שאַבלאָן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַריבערגעפלאַנצט אין דער מעשה און מוסר־ליטעראַטור.

אליהו בחור, דער דיכטער און פאָלקסזינגער, דער מענטש פון גרויסן טאַלאַנט, פילזייטיק, פאָלקסטימלעך און ערלעך ביז צו נאַיווקייט, איז דער קולמינאַציע־פּונקט און באַגלייך דער סוף פון אַ רייכן ליטעראַרישן עבר, פון אַ הויכאַנטוויקלטער פּאָעטישער קולטור אין יידיש, וואָס האָט זיך געצויגן היפּשע עטלעכע הונדערט יאָר. אין אים האָט די שפּילמאַן־תקופה אין יידיש געפונען דערפילונג, פאַרענדיקונג און העכסטן אויסדרוק.

# אליהו פאלושאק

## היינריך היינע

(צו זיין 150־סטן געבוירן טאָג דעם 13־טן דעצעמבער)

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין דייטשלאַנד, אין די צענטראַל־אייראָ־פּייאישע לענדער און אַפילו אין אַמעריקע געפייערט געוואָרן דעם 200־סטער געבוירן־טאָג פון געטהע. „זיי" האָבן ווירדע אַרויסגעשלעפּט פון רעקוויזיטן־קאַמער די פאַרשטויבטע באַמבאַסטישע פויק מיט די מעשענע טאַצן און זי ארומגערינגלט מיט אומשולדיקע פּאַציפיסטישע טרומייטערס, וואָס האָבן אַרויסגעשאַלט מיט גרויס הארמידער: „זעט, דאָס איז אונזער געטהע, דער גרויסער אייראָפּייאישער גייסט" דער אָלימפּער, וואָס וויל באַפרייען דעם אין קייטן געשמידטן פּראָמעטעאוס. געטהע איז דאָס ריכטיקע, דאָס אמתע דייטשלאַנד, זאָל די וועלט קומען צו אונז, לערנען פון געטהע און זיינע ווערק".
און באמת׳דיק איז געטהע עפּעס אַן עמיצער, וואָלט ער נישט געהערט



צום דעמזעלביקן פאָלק, וואָס האָט... אונדזער פאָלק פאַרניכטעט.

עס קלינגען נישט די גלאָקן פון דער קאַטעדראַלע אין קעלן אָנצוזאָגן, אַז מיט 150 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער „רהיינלענדישער זון" היינריך היינע, וועלכער צוזאַמען מיט געטהע און שילערן איז (געווען אמאָל) אַ לייכטענדער זייל אין דער דייטשער קלאַסישער ליטעראַטור. געווען! ער איז געווען דער ערשטער, אויף וועמען געטהעס ראַסיסטישע לאַנדסלייט האָבן אָנגעהויבן זייער פּאָגראָם, דעם גייסטיקן און פיזישן. אויף „פייערלעכע שייטערהויפענס האָט די נייע קרעמאַטאָרישע אינקוויזיציע אָפיציעל פאַר־ברענט היינעס ווערק און אַזוי אַרום „אַרויסגעשטויסן" אים, אונדזער עלטערן ברודער האררי פון דער דייטשער ליטעראַטור.

און אַרויסגעשטויסן זאָל זיין אַרויסגעשטויסן! אויף אייביק! עס ברויכן נישט צו קלינגען די גלאָקן פונעם קעלנער דאָם. און אָנזאָגן אינעם רהיינישן דיסעלדאָרף אין דער פאָלקער־שטראַסע אין דער אַלטשטאָט איז געבוירן גע־וואָרן דער לעצטער גרויסער ראָמאַנטיקער פון דער דייטשער פּאָעזיע, דער גרויסער ליריקער און אָפּלאַכער, דער ערשטער גרויסער און אמתער אייראָ־פּייער, וואָס מיר האָבן געהאַט אויפצווייזן אין יענער צייט.

אין יענע טראַגישע יאָרן פון דער גייסטיקער אינקוויזיציע, ווי שטאָלץ בין איך געווען, אַז זיי האָבן זיינע ווערק פאַרברענט! צו וואָס ברויכן באַר־באַרישע טויטאַנען אַ דיכטער פון פרייען גייסט? זיי ברויכן אַ הילדעברראַנד, וואָס רייט אויף אַ פערד מיט צוויי האַק־מעסערס, די „ראָמאַנטיק" פון אַ באַר־באַראָסאַ מיט אַ רויטער באָרד, וואָס וועט ווי פון אַ כשוף־מעשה׳לע אַרויס אַרויסשפּרינגען פונעם „הייליקן" קיפהויזער־באַרג און דעראָבערן פאַר זיי אַ וועלט, זיי ברויכן און האָבן געהאַט אַ היטלער, אַ געבעלס, אַ שטרייכער.

אָ, ווי שטאָלץ בין איך געווען, ווען זיי האָבן זיינע ביכער פאַרברענט! זינט אונדזער עלטערער ברודער האררי* איז מיט זיין שפּרודלדיקן גייסט אויפגעטרעטן אויף דער אייראָפּייאישער קולטור־בינע, אַבער הונדערט יאָר, האָבן זיי זיך מיט זיין נאָמען געוואָרפן און באַרימט, מיט שמוץ באַוואָרפן און רענאָמירט, ווי עס האָט זיי נור געפּאַסט. זיי האָבן אים קיינמאָל נישט פאַר־שטאַנען, זיי האָבן אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

די מאַמע בעטי, געבוירענע וואַן גאַלדערן, האָט געוואוסט, אַז עפּעס גרויסעס וועט אַרויסוואַקסן פון קליינעם האררי, אָבער נישט געוואוסט האָט זי, אַז דער שמד וועט אים נישט העלפן, אַז אַזש 80 יאָר און מער נאָך זיין טויט וועט מען אים נאָכוואַרפן זיין יידישקייט, און זיינע ביכער וועלן פאַר־ברענט ווערן, ווי שאַפונגען פונעם „דעגענערירטן יידישן גייסט".

שטאָלץ בין איך געווען, ווען זיי האָבן זיינע ביכער פאַרברענט, אין דער־זעלבער שעה איז ער היינע, דער ייד און גרויסער אייראָפּייער, מיט זיינע שאַפונגען אַריין אין אונדזער רשות. ער איז אַן אונדזעריקער, אינגאַנצן, אַנ׳

* דער אמת׳ער פאָרנאָמען פון היינע איז געווען האררי.

אונדזעריקער מיט זיינע שטארקייטן און שוואכקייטן, מיט זיין ליבע און האס, מיט זיין וויץ, שפּאט, הומאר און בדחנישער שלאג־פארטיקייט.

און איז זיין שאפן נישט אינגאנצן יידיש אדער וויניק יידיש, ווייסן מיר, אז עס איז מענטשלעך־הויך, און אז זיין איינפלוס האט שטארק באַרייכערט אונדזער וועלטלעכע קולטור, אונדזערע מאדערנע נאציאנאלע ליטעראטורן ביז צו דער היינטיקער צייט.

זאלן מיינע שורות זיין אַן אָנרעגונג צו עניוות און שטאלץ זיך צו ווידמען דעם עלטערן ברודער הארי. זיינע שאפונגען זיינען אַן אָפן בוך אָן זיבן זיגלען. זיינע לידער און פערזן — רעפלעקסן פון זיינע חלומות, וויזיעס און איינגעבונגען, זיינע פילאָזאָפישע און היסטארישע אָפּהאנדלונגען — שפּראַצונגען פון א זוכער, קעמפער, וויסער און גרויסן גייסט.

היינע איז נישט דער דיכטער פון נעכטן, נאָר דער בשורה־אָנזאָגער פון א פרייען ליכטיקן מארגן. און איז ער אויך געווען דער אָפּשפּעטער און קרבן פון דער דאמאלדיקער דייטשער ראמאנטיק, איז ער טראצדעם געווען איר גרעסטער פארטרעטער.

היינט ווייסן מיר, ווי גערעכט ער איז געווען. א נייע שטורמישע צייט איז געשטאנען פאר דער טיר, דאס לעבעדיקע ווארט האט געדארפט אננעמען אַן׳אַנדערן קלאנג, אַן׳אנדערע פארם, ווי מיר ווייסן עס פון דער שטורם־ און דראנג־צייט פון די 70־ער און 80־ער יאָרן.

„נייע צייטן — נייע פייגל, נייע פייגל — נייע לידער".

לאמיר לגיין זיינע ביכער אויפן טיש, די ביכער פון אונדזער עלטערן ברודער הארי, וואס זיינען געווען די ערשטע קרבנות אינעם גרויסן אינקוויזיטארישן פאגראם פון מאדערנע ציוויליזירטע בארבארן. לאמיר מיטזינגען זיינע לידער פון דער „פרינצעסין שבת" און „יהודה הלוי" און דעם „נייעם ליד, דעם בעסערן ליד".

„אָ, פריינט, איך וועל אייך דיכטן,
מיר ווילן דא אויף אונדזער ערד
דעם גן־עדן התחתון אויפריכטן.
מיר ווילן דא אין אונדזער וועלט
נישט הונגערן און נישט דאַרבן,
פאַרשליגען זאל נישט דער פולער בויך,
וואָס ס׳האָבן אָרעמע הענט דערוואָרבן.
עס וואַקסט ביי אונדז דא ברויט גענוג
פאַר אַלע מענטשן־קינדער,
אויך רויזן און מירטן, שיינקייט או דופט
און זיסע אַרבעסן נישט מינדער.
אַ ניי ליד, אַ בעסער ליד מיט קלאַנגען פון פידעלן און פלייטן"....

**זאל קלינגען דאס נייע ליד פון אונדזער עלטערן ברודער הארי, דעם משורר היינריך היינע.**



לעא קעניג

## דריי אפאלאגייאם

### 1. פרעמד שפּראַכיקע אַפּאָלאָגעטיק

ס׳איז דאָ אַ גרויסער פסיכאָלאָגישער אמת אינם פראנצויזישן גלייך־וואָרט „ווער עס פארענטפערט זיך דער באשולדיקט זיך": אַפילו די גלענצענדסטע און איבערציינגנדסטע אפאלאגיא לאָזט איבער אַ חשד אז עפּעס באַהאלט דער אפאלאגיסט אניט וואָלט ער ניט אַזוי אייפעריק פאַרענטפערט און פאַרטיידיקט זיין כלל אָדער זיין טעזע.

די חסרונות פון יעדער אפאלאגעטיקער זיינען, קען מען זאָגן, דוקא זיינע מעלות: פארענטפערנדיק די „זינד" פונם „באשולדיקטן" (פון וועלכע זיינע לעזער, דערוויסן זיך אָפּטמאָל דאָס ערשטע מאָל פון זיין אפאלאגיע..) איז ער ווילנדיק ניט ווילנדיק מגזם די גרויסע מעלות פונם באשולדיקטן. און דאָס לעצטע לאָזט אויך איבער אַ חשד אפילו ביי די וואָס זיינען „איבערצייגט" געוואָרן.

דערפאר איז אַפילו די גלענצנדסטע אפאלאגיע נאָר צייטווייליק, מאָמענטאַל דערפאָלגרייך; אינם לאנגן לויף איז זי אָבער ניט קאָנסטרוקטיוו און זעלבסט־צושטערנד. אָבער ניט צוליב די פסיכאָלאָגישע טעמים אַליין איז אפאלאגעטיק איצט שטארק דיסקרעדעטירט. ביי אונז און בכלל. ניט קוקנדיק אויף די פארשידענע רעאקציעס הערשט נאָך אלץ (ווען אפילו נאָר מעטאָדיש) דער וויסנשאפטליכער צוגאנג צו סאָציאַלע און נאציאָנאַלע פראגן. און וויסנשאפט באשולדיקט ניט און פארטיידיקט ניט נאָר באווייזט און קאנסטאנטירט די „מעלות" און „חסרונות" וואָס זיינען אַ פועל יוצא פון געוויסע היסטאָרישע און געגנווארטיקע באדינגונגען און אומגיבונגען.

דער וויסנשאפטליכער היסטאָריקער אָדער סאָציאָלאָג איז ניט קיין שופט און אוודאי ניט קיין קטיגור אָדער סניגור; ער ווייסט, ד.ה. ער דארף ווייסן, אז פונקט ווי ס׳איז „אין איש שלא יחטא" איז ניטאָ קיין פאָלק וואָס האָט ניט געזינדיקט, און אז אין די זינד־אמת׳ע און גערדאכטע — פון איין פאָלק זיינען זינדיק אלע אנדערע פעלקער.. (אפילו אינם בארבאריש גערמאנישן נאַציזם זיינען שולדיק אלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אים געהאָדעוועט און געכאליעט, און זיינען, אגב, שוין גרייט ווידער צו טון). פאר וועמן זשע קען מען זיך פארענטפערן? פאר וואָס פאַר אַ פאָלק? פאר וואָס פאר אַ סאָציאַלן שיכט?

דער אפאלאגעטיק זעט פאר זיך שופטים פאר וועלכע ער פארטיידיקט זיין כלל צי זיין פאָלק; רייכערע און קולטורעלע יאקבי פעלקער־שופטים זעט ער, וועלכע זיינען אפשר זינדיקער, ווי דער באַשולדיקטער און קריטיקירטער כלל; דער וויסנשאַפטליכער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג (ווי אויך דער אמת׳ער קינסטלער און דיכטער) זעט איין העכערן שופט: די אָביעקטיווע, נאטירליכע און היסטאָרישע אנטוויקלונגען פון יעדן כלל.

דער דערפאר אַליין קען מען שוין זאָגן אז דער וויסנשאפטליכער סאָציאָלאָג איז עטישער אפילו פון אַ אפאלאגיסט וואָס רעדט אינם נאָמען פון אַ העכערער אַבסטראַקטער עטיק. דער ראַציאָנאַלער וויסנשאַפטליכער סאָציאָלאָג אפאלאגירט קיינעם ניט און חנפהט זיך ניט צו העכערע און רייכערע פעלקער; פאַר אים זיינען כולו זכאי אָדער כולו חייב..

---

יעדע אפאלאגיע לשם אפאלאגיא איז פאלש און פרוכטלאָז.

די איינציקע אפאלאגיא וואָס איז פרוכטבאר, ווייל זי פירט צו עוואָלוציע, רעפאָרמע און רעקאָנסטרוקציע איז די וואָס איז אַ פועל יוצא פון וויסן, פארשטיין און דערקענטניש און איז ניט אפאלאגעטיש.

אָבער אויך אפאלאגעטיקס זיינען דאָ פארשידענע און פון פארשידענע ווערט און ווערטלאָזיקייט..

ס׳איז דאָ אַ אפאלאגעטיק אַ באַוואוסטזיניקע: ווען איינער אַ געוויילטער צי ניט געוויילטער פאָרשטייער פון אַ פאָלק דערפילט אַז ער מוז אַרויסקומען מיט זיין וואָרט אין פארטיידיקונג פון זיין אָדער אן אנדער פאָלק.. מיר מעגן איבערשאַצן אָדער אונטערשאַצן אָט די „שטימן פון געוויסן" (צי ס׳איז פון אַ זאָלאָ, אַ טאָלסטאָי, אַ בערנארד לאזאר אָדער אַ נאָרדוי), אָבער בשעתם האָבן זיי געהאט זייער גרויסע ווערט און ווירקונג לטובה..

אָט די באַוואוסטזיניקע גרויסע אפאלאגיסטן פון די אלטע און מאָדערנע צייטן האָבן געהאט אַ גרויסע פאָזיטיווע ווערט, שוין אויך דערפאר ווייל זיי האָבן אַרויסגעוויזן די פיינערע פאטענצן פונם מענטשן אלס אזעלכן, הגם אין לאַנגן לויף האָבן זיי ניט געהאָלפן, ניט געענדערט די לאַגע פון די וואָס זיי האָבן פארטיידיקט.. צו די גרויסע היסטאָרישע אפאלאגיסטן זיינען ארויסגעטראָטן מיט זייערע אפאלאגיאס אין פרעמדע צי אייגענע שפּראַכן, נאָר עטוואָס סטיכישעס, אַ מוז איז געווען אין זייערע אַרויסטרעטונגן און שוין אין דעם אַליין איז זייער גרויסע באַרעכטיקונג..

דורכאויס נעגאַטיוו אָבער, איז די ניט באַוואוסטזיניקע, ניט ווילנדיקע אפאלאגעטיק, וואָס קומט מען שרייבט פונם אייגענעם לעבן, פון אייגענע נאַציאָנאַלע פראגן אין פרעמדע שפּראכן. און פון אָט דעם אפאלאגעטיק האָבן מיר יידן אממיינסטן געליטן אין די מאָדערנע צייטן ווען אונדזער שפּראכן־אסימילאציע האָט זיך אַזוי פארשטארקט, און אַזוי פיל יידן־שרייבער האָבן זיך פארמערט אין אלע שפּראכן און ליטעראטורן..

אָט די ניט־ווילנדיקע פרעמד־שפּראַכיק אפאלאגעטיק איז נעגאַטיוו און שעדליך ניט נאָר צוליב זייער אינהאלט, נאָר פאר די שרייבער און זייערע פייאיקייטן, וועלכע ווערן צוליב זייער ניט־ווילנדיקער אפאלאגעטיק פארקריפּעלט און געמינערט:

לכתחילה קומט דער פרעמד שפּראַכיקער יידישער שרייבער אָן קיין שום אפאלאגעטישע טענדענצן צו זיינע טעמעס און מאָטיוון; ער איז אַ שרייבער און זייער אָפט מיט אמת׳ע פעאיקייטן; ער וויל באשרייבן צי ארומרעדן די



מאָטיוון וואָס ער קאָן אַמבעסטן, נאָר אַזוי ווי ער שרייבט אין אַ פרעמדער שפּראַך און אויך פאר פרעמדע ניט־יידישע לעזער, כאַפּט ער זיך פלוצלינג אַז ער הויבט אָן צופוצן זיינע העלדן און מאָטיוון: אז ער פארווייכט און פארטושירט זייערע שאָטנדיקע זייטן און כאראקטעריסטיקס, און מאכט נאָך העלער און בולטער זייערע מעלות.. אַז דאָס איז קינסטלעריש און סאָציאָלאָגיש פאלש איז זעלבסטפאַרשטענדליך.. אָבער ס׳איז שוין אַזוי די טבע פון מענטשן פאר פרעמדע, אָדער אַפילו פאר זייטיקע פריינד צופוצן זיך, „ניט אויסזאָגן פון חדר".. און אָט דער נאַטירליכער נסיון איז אוודאי און אוודאי נאָך שטארקער, ווען זיינע העלדן און מאָטיוון האָבן אַ סך פרעמדע קריטיקער און שונאים. מיטן סך הכל אַז די ווערן פון די פרעמדשפּראַכיקע שרייבער אַ סך וואַסערדיקער אָדער אויליקער און האָבן דעם פארקערטן עפעקט אויף די ניט־יידישע לעזער, וועלכער הויבט אָן חושד זיין אַז עפּעס צופיל שיינע מענטשן שילדערן זיי (און אין לעבן בכלל זיינען גאָר ניטאָ אַזוי פיל שיינע פארשוינען). און צווייטנס, ווערן אין דעם פּראָצעס פון ניט ווילנדיקער אפאלאגעטיק פארדאָרבן די פייאיקייטן פונם שרייבער־נאָוועליסט און פובליציסט..

ער הויבט זיך אָן צוגעווינען פעלשעוון נאטור און לעבן פונקט ווי די מאָדישע פאָרטרעטיסטן וועלכע האלטן אין איין שענער מאכן זייערע מאָדעלן. ביז ער כאַפּט זיך אַליין, אויב ער איז קינסטלער געניוג, און ער הערט אויף שרייבן פונם יידישן לעבן ווייל ער וויל ניט זיין אפאלאגעטיש־פאלש, און ער הויבט אָן שרייבן פונם ניט־יידישן לעבן, וואָס ער קאָן ווייניקער; און ער שרייבט די אנעמישע, פּאַספּאָרטלאָזע, אָדער רופט זיי „קאָסמאָפּאָליטישע" נאָוועלן און עסייען, וועלכע זיינען פיל נידריקער פון זייערע פייאיקייטן און קולטור..

מען וואָלט געקענט ברענגען צענדליקער ביישפּילן פון גלענצנדע פרעמד־שפּראַכיקע יידישער שרייבער אין ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, רוסיש, א.ז.וו. וועלכע האָבן אָנגעהויבן מיט יידישע מאָטיוון און געענדיקט מיט קאָסמאָפּאָליטישע, אנעמישע, בלוט־אָרימע נאָוועלן און עסייען.. און צענדליקער אפאלאגעטישע יידישע נאָוועליסטן און פובליציסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פוצן און שייערן דאָס יידישע לעבן, דעם יידישן מענטש, וועלכע האָבן צוליב זייער ניט ווילנדיקער אפאלאגעטיק קיין קינסטלערישע ווערק ניט געשאַפן, און שוין דערפאר אַליין דעם יידישן פאָלק קיין שום נוצן געבראַכט מיט זייערע זיסע, שמן זיתדיקע ווערק..

מיטן גלענצנדן אויסנאַם פון זשאן ריטשארד בלאָך׳ס פּראַכטצולער פראַנצויזישער יידישער מאָדערנער נאָוועלע אין אַ פרעמדער שפּראַך..

ס׳איז נאַטירליך דער פרעמד־שפּראַכיקער שרייבער זאָל ווערן אפאלאגעטיש.. ס׳איז מענטשליך פאר פרעמדע צופוצן זיך אַביסל כאָטש.. און אַ סך מאָל וווּנדער איך זיך צי די וועלט ליטעראַטור וואָלט געהאַט אַזעלכע און ענליכע מייסטער ווערק ווי די קאַרמאַזאָפס און סארטיופס ווען זייערע פאַרפאסער שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן.

די הויפּט ווערט פון אַ נאַציאָנאַלער, פאָלקס שפּראַך איז די אינטימיטעט און היימישקייט וואָס מען פילט אין איר; אין דער שפּראַך, ווי אין אַ פאַמי־ליע־קרייז, מעג איינער דעם צווייטן מוסרן, זאָגן דעם אמת ווי מען זעט אים; פאַר אייגענער און אין דער אייגענער שפּראַך מעג מען אויסזאָגן פון חדר — און אַזוי אַרום זיינען געשאַפן געוואָרן די גרויסע נאַציאָנאַלע ווערק וועלכע זיינען געוואָרן אוניווערסאל צוליב דער אינטימיטעט, צוליב דעם אמת זאָגן און ווייזן, וואָס איז מעגלעך און נאַטירליך געווען אין די אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַכן.

דער סלאַווינאַ־פיל דאָסטאָיעווסקי וואָלט אַ סמערדיאַקאָוו ניט געשאַפן ווען ער שרייבט אין פראַנצויזיש; דיקענס וואָלט דיקענס ניט געווען ווען ער שרייבט פונם ענגלישן לעבן אין אַ פרעמדער שפּראַך און אונדזערע שריי־בער? — מענדעלע וואָלט אפשר געווען אַ לעוואַגראַ אָדער אַ בן עמי; שלום עליכם אַ זאַנגוויל...

און ביאַליק וואָלט אוודאי זיין „בעיר ההרגה" און זיין „מתי מדבר" ניט געשריבן אין רוסיש.. עס קאָן זיין אַז אַפילו אַ היינע וואָלט געענדיקט זיין „רבי פון באַכראַך" ווען ער שרייבט ניט אין דייטש..

(המשך קומט)

---

## ימיאל עובד

### מצרים

נילוס, דער הייליקער וואונדער־טייך,
שנייט דורך דעם גאַנצן מצרים־רייך,
פליסט פאַרביי פעלדער פון קאָרן,
און באַזאַלט פעלזן פאָרט ווי גאָטס צאָרן.

די קראָקאָדילן פון די היילן קוקן,
און דער איביס, דער זומפּ־פויגל זעהט,
ווי צו לעשן דעם דורשט פון פאַרצוקן
צום נילוס פיה און רינד געהט.

מידע פאַרבײַ רייזענדע זען, דורך דער קלאָרער ליכט.
ווי די פאַרצווייפלטע, פאַרקנעכטע יידן
הייבן שיכט נאָך שיכט, שיכט נאָך שיכט,
פון די מאַיעסטעטישע פּיראַמידן,
און ווי די פּיראַמידן שטאָלצע שטומען,
אָ גאָט! ווערט משה קיינמאָל ניט קומען?



## מאַרקס קאַהען

### די סיבירער קאָזאַקן אין לאָנדאָן

(אַ קאַפּיטל פון אַ ביאָגראַפיע)

מיט פינף צענדליק יאָר צוריק טרעפענדיק אין לאָנדאָן, מיין חבר, דער ציילט ער מיר ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סיבירער קאָזאַק. און אָט איז עס וואָרט ביי וואָרט, פון זיין הייליקן מויל.

— געדענקסט דאָך — זאָגט ער — ווי פאַרצווייפלט איך בין געווען, פאַרלירנדיק ביילקען, אַז איך האָב מער נישט געוואָלט לעבן אויף דער וועלט. איך האָב בעסער געוואָלט שטאַרבן. האָבן מענטשן גערעדט, אַז איך זאָל חתונה האָבן און דאָס וועט מיר העלפן זי צו פאַרגעסן; און שטאַרבן האָב איך נאָך גענוג צייט....

איך האָב זיי געפאָלגט און חתונה געהאַט. און אין איניקע מאָנאַטן בין איך אוועק צום מיליטער.

אָפּדינענדיק נאָנט פון דריי מאָנאַט און שוין באַלד קענענדיק די גאַנצע סאָלדאַטסקע תורה, האָב איך שוין געהאַט גענוג און געמאַכט אַ ויברח. איך האָב אויסגעביטן מיינע סאָלדאַטסקע קליידער ביי אַ סוחר פון אַלטוואַרג, וועלכן איך האָב נישט אָפּגענאַרט און ער האָט מיך אויסגעקליידט אין אביסל מלבושים פון יעקאַטערינעס צייטן.

איך האָב זיך מיט זיי דורכגעוואָלגערט אין רוסלאַנד; וואו געטאַגט, נישט גענעכטיקט, ביז איך בין מיט זיי אריין אין דייטשלאַנד, ימח שמה וזכרה, וואו מען האָט זיי פאַר מיר אויסגעפּאַרעט, נישט חלילה אויסגעפּרעסט. האָב איך אין זיי אויסגעקוקט, להבדיל, ווי אַן ענגלישער לאָרד.

מיין באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ שטרויענער קאָרזינקע, וואו עס איז געלעגן מיין געצייג, אָן וועלכע איך האָב זיך אין ערגעץ נישט גערירט.

מיין קאַפּיטאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן ענגלישן שילינג און אַ דייטשן מאַרק און אַן אַדרעס צו מיין מוטערס אַ גליד־געשוועסטערקינד אין לאָנדאָן. האָט מיך אַ שיף געבראַכט פון ברעמען ביז לאָנדאָן־ברידזש, וועלכע איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פערד און איך האָב געפילט צו זיין איינער פון זיי. נאָר דער אונטערשייד איז געווען, וואָס זיי אויף פיר פיס האָבן געגעסן היי און האָבער, און איך אויף צוויי פיס האָב געגעסן הערינג מיט ברויט.

איז געקומען אַן ענגלישער ייד מיט אַ האַרטן הוט און אַ פּאָר גראָבע שיך, וועלכער האָט קוים געקענט רעדן אַ וואָרט יידיש מיך אָראָפּגענומען פון שיף און געבראַכט אויפן געוואונטשטן אדרעס, אין אַלד מאָנטאַגיו סטריט, וואו די קוזינע האָט געוואוינט אין צוויי צימערן, זאַלבע־זעקסט: מאַן און פרוי און פיר קינדער!

אַ זון פון אכצן יאָר, וועלכער האָט געענדיקט די לערע אַלס שניידער און גייט אַרום אָן אַרבעט און אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן, וועלכע האָט אין ענדיקן די שולע; און צוויי קלענערע אינגלעך, וואָס גייען אין שולע.

די קוזינע פרעגט ווער איך בין, זאג איך איר. האט זי מיר געהייסן אוועקשטעלן די קאַרזינקע און אוועקגעשיקט דעם ייד. זי פרעגט מיך צי איך האב געהאט „ברעקפעסט“. נישט וויסנדיק וואָס עס איז, האב איך געזאגט, אז ניין. האט זי מיר געהייסן זיך וואַשן די הענט און זעצן זיך צום טיש. האב איך פאַרשטאַנען, אז ברעקפעסט מיינט עסן....

זי האט מיר דערלאנגט אַ פּאָר גערייכערטע, געבאַקטע פישלעך און ווייס ברויט מיט פּוטער און זיסע טיי מיט מילך. האב איך גערעכנט, אז עס איז אלעס צוליב מיין כבוד; און מען האט מיך זער פיין אויפגענומען.

נאר שפּעטער האב איך אויסגעפונען, אז קיין ביליקער עסן איז נישט געווען, ווייל די גערייכערטע, געבאַקטע פישלעך זענען געווען אַ פּאָר „קיפערס“, וואָס האבן דאן געקאסט וויניקער ווי אַ „פּעני“ אַ פּאָר און ווייס ברויט האט געקאסט ביליקער פון שווארץ; און זיסע טיי מיט מילך טרינקען דא אלע ארעמעלייט....

נאָר מיר האט עס זער געשמעקט. נישט האבנדיק געהאט א לאנגע צייט קיין ריכטיקן מאכל, האב איך פון דעם זער הנאה געהאט; און מיר האט זיך פארוואלט רייכערן. איך פרעג דער קוזינע, אַ וואו איך וואָלט געקענט קויפן פּאַפּיראָסן. זאגט זי, איך זאל ארפּגיין אונטן, איז דא אַ „גראָסערי שאַפּ“. דארט וועל איך קענען קויפן פּאַפּיראָסן.

פארשטיי איך, אז עס איז אזא קרעמל, וואָס פארקויפט פּאַפּיראָסן. איך פרעג איר וויאַזוי איך זאל בעטן. זאגט זי, אַז פאר „טאַפּנס“ וועל איך קריגן צען ציגארעטן.

איך פרעג איר, וואָס איז טאַפּן. הייבט זי אָן לאַכן און זאָגט: „נישט טאַפּן, נאר טאַפּנס איז צוויי פּענעס“. איך בין אראָפּ וואו זי האט מיר אָפּגעמאָלט און אַריין אין קרעמל און בעט פאר צוויי פּענעס פּאַפּיראָסן, שטייט הינטער מיר אַ ייד אין א פארטוך און פרעגט מיך צי איך בין אַ גרינער. איך בין געוואָרן באליידיקט און זאג אים, אז עס איז נישט זיין דאגה!

דער ייד אַנטשולדיקט זיך און זאגט, אז ער האט נישט געמיינט, חלילה, מיך צו באליידיקן, ווייל יעדער איינער, וואָס קומט ערשט אריבער, רופט מען אַזוי.

מיר ווערן גוטע פריינט, און ער פרעגט מיך פון וואַנען איז אַ ייד. איך זאג אים. און ער פרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיקט זיך. איך זאג אים, אז איך בין אַ שניצער. זאגט ער, אז פאר אים ארבעט אַריין אַ שניצער און ער קען טון מיט נאך אַן ארבעטער.

איך בין מיט אים אַריין צום שניצער. ער האָט מיך פארגעשטעלט. דער שניצער ווייזט מיר אַ שטיקל צעדראפּעטע ארבעט און פרעגט צי איך קען עס מאַכן. איך האב אים געוואָלט זאגן אויפן ליטווישן שטייגער, „אַ סיילע אַביסל“, נאר זייענדיק אַ גרינער, האב איך זיך אָפּגעהאלטן. ער הייסט מיר ברענגען מיין געצייט און שטעלן זיך צו דער ארבעט.

איך בין ארויף נעמען מיין געצייג; און זאג דער קוזינע, אז איך האב



שוין אַ שטעלע און גיי זיך שטעלן ארבעטן. זאגט זי, אַז צו דער ארבעט וועסטו גיין מארגן אין דער פרי.

און זי דערציילט מיר, אַזוי ווי איר זון, וועלכער איז אַרויף עסן ברעקפעסט, וואס איך האב שוין געוואוסט וואס עס איז, האט זי אים געזאגט, אז עס איז געקומען אַ גרינער, וואס איך האב שוין אויך געוואוסט וועמען זי מיינט, און איז געגענגען קויפן ציגארעטן, וואס איך האב שוין אויך געוואוסט וואס עס איז, און איז פארבלאנדזשעט געווארן. האט זי אים געשיקט מיך זוכן. און באלד ווי ער וועט ארויף, וועט ער מיט דיר פריער גיין אין אַ באד, און צו דער אַרבייט וועסטו גיין מאָרגן גאַנץ פרי.

איך האב אראָפּגעטראגן מיין געצייג און בין צוריק ארויף איז שוין איר זון געזעסן און געגעסן ברעקפעסט. זי האט מיך פארגעשטעלט און אים געזאגט, אז דאס איז דער גרינער, וועמען ער האט געזוכט; און אים אויך געזאגט ווער איך בין.

מיר באקענען זיך און ער געפעלט מיר. א וווילער יונגערמאן. ווען ער האט געענדיקט זיין „ברעקפעסט“, האט מיר די קוזינע גהייסן אַרויסנעמען מיינע וועש און אים געזאגט עפּעס אין ענגליש, און מיר זענען אַוועק.

אויפן וועג פרעג איך אים, וואָס האט דיר דיין מאמע געזאגט? זאגט ער, אז זי האט געזאגט: „ווען איך גיי נישט מיט דיר אין אַ באָד, וואָלט זי נישט געהאט אוואו דיך צו לייגן שלאָפן“.

איך האב זיך געפילט דערנידריקט. נאר זי האט נעבעך געהאט פאלקאם רעכט, ווייל איך בין געשלאָפן מיט אים און זיינע צוויי ברידערלעך אין איין בעט.

און אַזוי גייענדיק, פרעגט ער מיך וואס איז אַ „דאַרמאָיעדניק“. איך פרעג אים, צוליב וואָס דארפסטו עס וויסן? זאגט ער, ווען זיין מוטער ווערט אויף אים אין כעס, רופט זי אים אַזוי. איך בין שוין געווען קליגער פון אים. איך האב אים דאס נישט פארטייטשט, ווייל עס איז אַ רוסיש וואָרט וואס הייסט „אומזיסטער פרעסער“; איך האב אים געזאגט, אז איך ווייס נישט....

און מיר זענען אַריין אין בריק ליין. אויפן וועג צו שעפּטשיקס באָד האָב איך באגעגענט אונזערן אַ לאנדסמאן, נאך מיט ערגערע מלבושים ווי מיינע. זיין נאָמען איז גערשקע, וועלכער איז אין מיינע יאָרן. דו האָסט אים נישט געקאַנט.

אין דער היים האב איך זיך מיט אים נישט געוואלט חברן, ווייל קיין כבוד וואלט עס נישט געווען און מען וואלט נאך געקענט ווערן ארעסטירט דורך אים. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטישער און אויך, חלילה, נישט קיין גנב; אן אָרנטלעכער, גוטער בעל מלאכה. נאר ער האט געהאט אַ פּאָר שטאַרקע הענט און פלעגט זיי נוצן אנשטאט די צונג.

איך וועל אים דיר פאָרשטעלן: מיר זענען ביידע געווען אין יעקאַטערינאסלאוו. און איך האב זיך געהאלטן פון אים דערווייטערט. נאר די לעצטע טעג, ווען מיר האבן געדארפט פאָרן אַהיים שטיין צום מיליטער, בין איך

די קוזינע פרעגט ווער איך בין, זאג איך איר. האט זי מיר געהייסן אוועקשטעלן די קאַרזינקע און אַוועקגעשיקט דעם ייד. זי פרעגט מיך צי איך האב געהאט „ברעקפעסט". נישט וויסנדיק וואָס עס איז, האב איך געזאגט, אז ניין. האט זי מיר געהייסן זיך וואַשן די הענט און זעצן זיך צום טיש. האָב איך פאַרשטאַנען, אז ברעקפעסט מיינט עסן....

זי האט מיר דערלאנגט אַ פאָר גערייכערטע, געבאַקטע פישלעך און ווייס ברויט מיט פוטער און זיסע טיי מיט מילך. האב איך גערעכנט, אז עס איז אַלעס צוליב מיין כבוד; און מען האט מיך זער פיין אויפגענומען.

נאָר שפּעטער האב איך אויסגעפונען, אז קיין ביליקער עסן איז נישט געווען, ווייל די גערייכערטע, געבאַקטע פישלעך זענען געווען אַ פאָר „קי־פערס", וואָס האבן דאן געקאסט ווייניקער ווי אַ „פענע" אַ פאָר און ווייס ברויט האט געקאסט ביליקער פון שווארץ; און זיסע טיי מיט מילך טרינקען דא אַלע אַרעמעלייט....

נאָר מיר האט עס זער געשמעקט. נישט האבנדיק געהאט א לאַנגע צייט קיין ריכטיקן מאכל, האב איך פון דעם זער הנאה געהאט; און מיר האט זיך פאַרוואָלט רייכערן. איך פרעג דער קוזינע, אַ וואו איך וואָלט געקענט קויפן פּאַפּיראָסן. זאגט זי, איך זאל אַרפגיין אונטן, איז דא אַ „גראָסערי שאָפּ". דאָרט וועל איך קענען קויפן פּאַפּיראָסן.

פאַרשטיי איך, אז עס איז אַזאַ קרעמל, וואָס פאַרקויפט פּאַפּיראָסן. איך פרעג איר וויאַזוי איך זאל בעטן. זאגט זי, אַז פאַר „טאָפּנס" וועל איך קריגן צען ציגאַרעטן.

איך פרעג איר, וואָס איז טאָפּן. הייבט זי אָן לאַכן און זאָגט: „נישט טאָפּן, נאָר טאָפּנס איז צוויי פּענעס". איך בין אַראָפּ וואו זי האט מיר אָפּגעמאָלט און אַריין אין קרעמל און בעט פאַר צוויי פּענעס פּאַפּיראָסן, שטייט הינטער מיר אַ ייד אין אַ פאַרטוך און פרעגט מיך צי איך בין אַ גרינער. איך בין געוואָרן באַליידיקט און זאָג אים, אז עס איז נישט זיין דאגה!

דער ייד אַנטשולדיקט זיך און זאגט, אז ער האט נישט געמיינט, חלילה, מיך צו באַליידיקן, ווייל יעדער איינער, וואָס קומט ערשט אַריבער, רופט מען אַזוי.

מיר ווערן גוטע פריינט, און ער פרעגט מיך פון וואַנען איז אַ ייד. איך זאג אים. און ער פרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיקט זיך. איך זאג אים, אז איך בין אַ שניצער. זאגט ער, אז פאַר אים אַרבעט אַריין אַ שניצער און ער קען טון מיט נאך אַן אַרבעטער.

איך בין מיט אים אַריין צום שניצער. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט. דער שניצער ווייזט מיר אַ שטיקל צעדראָפּעטע אַרבעט און פרעגט צי איך קען עס מאַכן. איך האב אים געוואָלט זאגן אויפן ליטווישן שטייגער, „אַ סיילע אַביסל", נאר זייענדיק אַ גרינער, האב איך זיך אָפּגעהאלטן. ער הייסט מיר ברענגען מיין געצייט און שטעלן זיך צו דער אַרבעט.

איך בין אַרויף נעמען מיין געצייג; און זאג דער קוזינע, אז איך האב



שוין אַ שטעלע און גיי זיך שטעלן אַרבעטן. זאגט זי, אַז צו דער אַרבעט וועסטו גיין מאָרגן אין דער פרי.

און זי דערציילט מיר, אַזוי ווי איר זון, וועלכער איז אַרויף עסן ברעקפעסט, וואס איך האב שוין געוואוסט וואס עס איז, האט זי אים געזאגט, אז עס איז געקומען אַ גרינער, וואס איך האב שוין אויך געוואוסט וועמען זי מיינט, און איז געגענגען קויפן ציגאַרעטן, וואס איך האב שוין אויך געוואוסט וואס עס איז, און איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. האט זי אים געשיקט מיך זוכן. און באַלד ווי ער וועט אַרויף, וועט ער מיט דיר פריער גיין אין אַ באָד, און צו דער אַרבייט וועסטו גיין מאָרגן גאַנץ פרי.

איך האב אַראָפּגעטראָגן מיין געצייג און בין צוריק אַרויף איז שוין איר זון געזעסן און געגעסן ברעקפעסט. זי האט מיך פאַרגעשטעלט און אים געזאָגט, אז דאס איז דער גרינער, וועמען ער האט געזוכט; און אים אויך געזאגט ווער איך בין.

מיר באַקענען זיך און ער געפעלט מיר. א ווילער יונגערמאַן. ווען ער האט געענדיקט זיין „ברעקפעסט", האט מיר די קוזינע געהייסן אַרויסנעמען מיינע וועש און אים געזאגט עפּעס אין ענגליש, און מיר זענען אַוועק.

אויפן וועג פרעג איך אים, וואָס האט דיר דיין מאַמע געזאגט? זאגט ער, אז זי האט געזאגט: „ווען איך גיי נישט מיט דיר אין אַ באָד, וואָלט זי נישט געהאט אוואו דיך צו לייגן שלאָפן".

איך האב זיך געפילט דערנידריקט. נאר זי האט נעבעך געהאט פאַלקאָם רעכט, ווייל איך בין געשלאָפן מיט אים און זיינע צוויי ברידערלעך אין איין בעט.

און אַזוי גייענדיק, פרעגט ער מיך וואָס איז אַ „דאַרמאָיעדניק". איך פרעג אים, צוליב וואָס דאַרפסטו עס וויסן? זאגט ער, ווען זיין מוטער ווערט אויף אים אין כעס, רופט זי אים אַזוי. איך בין שוין געווען קליגער פון אים. איך האב אים דאס נישט פאַרטייטשט, ווייל עס איז אַ רוסיש וואָרט וואס הייסט „אומזיסטער פרעסער"; איך האב אים געזאגט, אז איך ווייס נישט....

און מיר זענען אַריין אין בריק ליין. אויפן וועג צו שעפּטשיקס באָד האָב איך באַגעגנט אונזערן אַ לאַנדסמאַן, נאך מיט ערגערע מלבושים ווי מיינע. זיין נאָמען איז גערשקע, וועלכער איז אין מיינע יאָרן. דו האָסט אים נישט געקאַנט.

אין דער היים האב איך זיך מיט אים נישט געוואלט חברן, ווייל קיין כבוד וואלט עס נישט געווען און מען וואלט נאך געקענט ווערן אַרעסטירט דורך אים. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטישער און אויך, חלילה, נישט קיין גנב; אַן אָרנטלעכער, גוטער בעל מלאכה. נאר ער האט געהאט אַ פּאָר שטאַרקע הענט און פלעגט זיי נוצן אנשטאט די צונג.

איך וועל אים דיר פאָרשטעלן: מיר זענען ביידע געווען אין יעקאַטע־רינאסלאַוו. און איך האב זיך געהאלטן פון אים דערווייטערט. נאר די לעצטע טעג, ווען מיר האבן געדאַרפט פאָרן אַהיים שטיין צום מיליטער, בין איך

געוואָרן הפקר און מיט אים פאַרבראַכט אין אַ פּלאַץ, און עס איז אונז אויסגעקומען צו גיין אַהיים זער שפּעט בייַנאַכט. און אַזוי גייענדיק אויפֿן פּראָספּעקט, די שענסטע גאַס אין יעקאַטערינאָסלאַוו, מיר דערהערן מען פֿייפֿט. האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ געזונטער קאַצאַפּ און זאָגט מיר אויף וועמען וואַרסטו, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ?!

איז בעפֿאָר איך האָב אים נאָך געקענט ענטפֿערן, איז ער שוין געלעגן לעבן מייַנע פֿיס אַ צעבלוטיקטער און ער זאָגט מיר, „וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט דעם דבר־אחר‟, איז צוגעלאָפֿן נאָך איינער. איידער יענער איז נאָך געקומען נאָענט, האָט ער אַזוי קונציק אַ דריי געטון זייַן האַנט און אים דערלאַנגט אַ זעץ, אַז יענער איז געבליבן ליגן, זיך נישט גערירט פֿון אָרט. עס איז אויך געווען אַ דריטער. נאָר יענער האָט געהאַט דרך־ארץ, אַז ער זאָל נישט קריגן דעם זעלבן סוף.

אָון ער זאָגט צו מיר, קאַלט אַזוי ווי עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. „וואָס חזירים קענען!‟ מיר גייען און טשעפּען קיינעם נישט, נאַ דיר גאָר... דאָס איז ר׳ גערשקע נומער איינס. הכלל מיר זענען בשלום געקומען צו פֿאָרן אַהיים, געשטאַנען צום מיליטער. געווייַנטלעך, מען האָט אונז ביידן אָפּגעגעבן. אים האָט מען אַוועקגעשיקט דינען אין באָריסאָוו אין קאַוואַלעריע, און מיך אין וויטעבסק — אין אַרטילעריע. אָפּדינענדיק אַ קאָרגן מאָנאַט, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, לאָזט ער זיך אַריין צו מיר אין קאַזאַרמע און פֿרעגט מיך צי איך דין נאָך; און זאָגט מיר, אַז ער האָט זיך שוין אויסגעדינט.

„היינט פֿאַרטאָג רייניקנדיק אין שטאַל די פֿערד, האָט אים זייַן דזשאַטקע גערופֿן „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ‟. האָב איך אים דערלאַנגט אין זייַן מאָרדע און ער איז געבליבן ליגן, און איך בין אַנטלאָפֿן‟.

די יידישע סאָלדאַטן האָבן אים דערזען, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אים הייסן זיך באַלד אָפּטראָגן, ווייַל מען קען זען ווער ער איז. איך האָב אים געזאָגט, און ער איז אַוועק. און מער האָב איך אים נישט געזען ביז איצט. איצט גלייב איך קענסטו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס איך האָב זיך מיט אים נישט געוואָלט חברן. דאָס איז ר׳ גערשקע נומער צוויי!

איך האָב דיר געקענט דערציילן צענדליקער אַזוינע פּאַסירונגען פֿון אים, נאָר צוריק — וויאַזוי איך בין געוואָרן אַ סיבירער קאָזאַק.

געווייַנטלעך טרעפֿנדיק זיך אין אַ פֿרעמד לאַנד, אין אַזוינע אומשטענדן, האָבן מיר זיך דערפֿרייט. און ער דערציילט מיר, אַז ער איז שוין דאָ איבער אַ מאָנאַט, אַרבעט אויף אַ אַ פּלאַץ און פֿאַרדינט אַ „סאָווערן‟ אַ וואָך. נאָר היינט אַרבעט ער נישט.

איך פֿרעג אים פֿאַרוואָס. זאָגט ער, אַז זייַן מייסטער האָט זער אַ געזונטן זון, וואָס האָט זיך אַלץ געוואָלט מיט מיר „פֿייטן‟. איך פֿרעג אים, וואָס איז פֿייטן. זאָגט ער, שלאָגן זיך. זאָג איך, נו, אויף דעם ביסטו דאָך אַ גרויסע בריה. זאָגט ער, אַז דאָ שלאָגט מען זיך אַנדערש ווי אין דער היים. מען דאַרף דרייען די הענט און מען טאָר נישט שלאָגן וואו מען וויל. גאַנצענע



געזעצן, האָב איך נישט געוואָלט. איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך „רעסלען‟. איך פֿרעג אים, וואָס איז רעסלען? זאָגט ער מיר, אַז איך בין אַ גרינער. דער ענגלישמאַן! לאָז זייַן אַ גרינער. איך וויל אָבער וויסן וואָס איז רעסלען. זאָגט ער, באָרען זיך. האָבן מיר זיך געבאָרעט און איך האָב אים געגעבן אַ לייג אַוועק און מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל, און איך בין אַנטלאָפֿן.

נאָר מען האָט מיר געלזט וויסן, אַז ער לעבט און איך זאָל קומען צו דער אַרבעט. און דער מייסטער האָט געזאָגט, אַז עס איז „אַ גוד דזשאָב‟ אויף זייַן זון. האָט ער נישט געזאָלט קריכן. איך פֿרעג אים וואָס איז „אַ גוד דזשאָב‟? ווייסט ער נאָך נישט, דער ענגלישמאַן, וועלכער האָט מיך גערופֿן גרינער. איך פֿרעג ביי מייַן באַגלייטער, וואָס איז אַ גוד דזשאָב, זאָגט ער אַ גוד דזשאָב איז אַ גוד דזשאָב! און ביי דעם בין איך געבליבן.

מיר האָבן זיך באַשטעלט צו טרעפֿן פֿיר אַ זייגער אויפֿן זעלבן פּלאַץ.

ער האָט געוואוינט ביי אַ פּאָר פֿאָלק, וועלכע האָבן געהאַט צוויי קינדער און געוואוינט אין צוויי צימערן: איין צימער, אין וועלכן מען קאָכט און מען עסט, זענען זיי געשלאָפֿן מיט זייערע קינדער; אין בעסערן צימער איז ער געשלאָפֿן איינער אַליין אין אַ ברייט, אייַזערנעם בעט פֿאַר צוויי שילינג אַ וואָך!

ער ווייַזט מיר, אַז ער האָט אייַנגענע ברויט און פּוטער און טיי און „שוגער‟. אויף סאַפּער קויפֿט ער אַ הערינג און די „מיסעס‟ גיט אים הייסוואַסער און רעכנט אים נישט דערפֿאַר. מיטאָג עסט ער אין רעסטאָראַן, וואָס קאָסט אים זעקס פּענעס; און זאָגט מיר וואָס ער קריגט פֿאַר דעם: אַ גרויסן טעלער זופּ מיט ברויט און פֿלייש מיט בולבעס; געוואָלט זאָגן „פּיטייטעס‟, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַ גרינער, דער ענגלישמאַן. שבת קויפֿט ער פֿאַר דריי פּענעס געפֿילטע קישקע, וואָס האָט טויזנט טעמים!

הכלל, זייַן לעבן געפֿעלט מיר; אַליין באַלעבאָס, קיינער קוקט אים נישט אַריין.

ער האָט געמאַכט זיסע טיי אָן מילך. קיין מילך האָט ער נאָך נישט געהאַט, נאָר זיסע טיי מיט ווייס ברויט און פּוטער איז פֿאַר אַנטלאָפֿענע סאָלדאַטן אויך געווען אַ גוטער מאכל. מיר האָבן געטרונקען די טיי און פֿאַרביסן מיט דעם ברויט און פּוטער און זיך דערציילט די איבערלעבונגען, וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען אַנטלויפֿנדיק פֿון די סאָלדאַטן ביז מיר זענען בשלום געקומען אין לאָנדאָן; וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן.

מיר האָבן געענדיקט די טיי און אַוועק קיין ווייטשעפּל, וואָס ער האָט שוין געוואוסט דעם וועג; צוגעהערט זיך צו רעדנער, וואָס די מערהייט זענען געווען מיסיאָנערן, אַרייַנגעקוקט אין פֿענצטער פֿון פֿאַרשיידענע געשעפֿטן, נאָר לענגער זענען מיר געשטאַנען ביי אַ פֿענצטער פֿון שיך, מיט וועלכע מיר האָבן זער נייטיק געקענט טון, ווייַל אונזערע האָבן שוין געעפֿנט די מייַלער און געכאַפּט פֿרישע לופֿט און אַמאָל אַביסל וואַסער אויך. צען דעם זייגער זענען מיר זיך צעגאַנגען. (שלוס אין קומענדיקן נומער)

## א. נ. שטענצל

# נאָוועמבער לידער

### שטאַכל־פּאַלמע („האַלי״)

ווי אַזוי פאַרשטייט דער בלעטער־שטעכיקער בוים,
די רויטע בערעלעך פון זיך אַרויסצוגעבן,
אַז פאַרהונגערטע שפּערלעך זאָלן דערזען זיי,
אַזוי אַרום געזעטיקטע בלייבן לעבן?

עס איז די גוטסקייט וואָס מיר נעמען מיט אונז מיט,
אין דער אייביקייט צו בלייבן מיט זיי פאַרהוילן — —
איז מענטש דען וויניקער פון יענע מיקראָבן,
וואָס פאַרוואַנדלען מיט וואַקסן די מיסטן וואָס פוילן?

איז ווער זאָגט דען אַז מיט מענטשלעכע געדאַנקן,
ס׳קען די וועלט נישט פאַרוואַנדלען זיך אין אַ גן־עדן?
קוק דאָך אָן דעם קרעל־באַהענגטן צעגלאַנצטן בוים —
צעפלאַמטער סנה וואָס גאָטס־גוטסקייט טוט פון איםריידן!

און שוין פליט אַ פייגעלע צו אים צו: פּיק פּיק,
און אַ רויטינק בערעלע פון אים אָפּגעביסן!
אפשר מיט דעם וואָס כ׳טראָג אין לעצטע בלוט־טראָפּ,
ס׳וועט די ערד מיט איר גוטסקייט זיך געבן צוזויסן.

## בלעטער־פלאַנצן

מיט שווערע רעגן טראָפּן באַהאָנגען
גלאַנצן בלעטער־פלאַנצן דורך פענסטער אַריין;
מיין מידער בליק פאַלט אויף טריבער וואַנט
און ער צערינט מיט זיין לעצטן ווידערשיין.

אַז מען שלאָגט נישט קיין וואָרצלען אין דער ערד,
קלעטערט מען כאָטש אויף גלאַטער גליטשיקער וואַנט;
אָבער ווי הויך קאָן מען שוין דערקריכן,
העכסטנס צום דאַך אויף, ביז צום רינווע־ראַנד;

ביז צו אויסגעליידיקט נאַסן נעסטל,
אַ קרישלדיקס אונטערן פראָכנעם געבעלק;
מיין בליק — פאַרפלאָנטער זומער פייגעלע,
אין זייד־געקרייזל פון צייטיקן געוועלק — — — —



שווערע פאַלנדיקע טריבע טראָפּן —
פּערל־שנור צעשאָטן אין בלאָטע אַריין!
אָבער איז דען נישט ס׳ביסל גרינס אויף וואַנט,
פון די זון פון ערגעץ־ווייט אַ ווידערשיין?

## לעצטער קוואַדראַט זון

דער לעצטער קוואַדראַט זון פון וואַנט פאַרשווינט
און דער שימל־שוואָם גרינט שוין אין ווינקל,
איז וויפיל זונען כ׳זאָל נישט אויסצירקלען,
בלייבט אַלץ מיין שטיבל פאַרהילטער טונקל.

כ׳ווייס נישט וויפיל גראַדן ס׳שטייגט די זון,
ביז צוריק אויף דער וואַנט זי וועט קומען,
איך וועל זיי אָפּציילן איבער הונדערט,
ווי אויף היץ־פּריוול אונטער גומען — —

שוין דער ערשטער טאָג און בין ווי משוגע!
איז עס פון שוואָם דעם גיפטיק צעבליטן,
אָדער איז עס פון דעם איינעם גראַד שוין,
און איך ליג אין פיבער־היץ צעגליטן?

ווי ס׳קלאַפּט דאָס אין מיינע ווינקל־שלייפן —
אין קוואַדראַט זיך צוזאַמענצושטעלן — —
וועלן אותיות־מרבעות נאָך
מיינע טונקלע טעג ליכטיק צעהעלן?

## אין טריבע טעג

אַז דו ליגסט אויף איינגעפאַלענעם מאַטראַץ
און ווי אין האַרטער אייז־קאַלטער „אייזערנע לונג״,
די ווייאיקע זייט אין מאַטראַץ־לאָך אַריינגעפּרעסט
און אונטער טרוקענעם גומען גליווערט די צונג,

דיינע ליפּן בלוי־בלאַסע פאַרביסן ביז בלוט,
דיין טונקל לעבן אויפגעוויקלט פאַר דיין בליק,
פיבערדיק פלינק לויפט בלענדיק אַ בילד נאָך אַ בילד,
ווי עס וואָלט דאָס לעבן געדרייט זיך אויף צוריק.

דיינע אויגן גליאיקע אין שוואַרץ־פּונקט געצילט,
אין דעם טויט־שטילן אין דעם טאַפּנדיקן שוואַרץ,
און דו הערסט פון צווישן די מאַטראַץ ספּרינזשענעס,
דאָס שטילע קלאַפּן פון דיין איינגעפאַלן האַרץ.

און דיין געלעכערטער און געלאַטעטע לונג,
איז דעמלט פייפנדיקער דודל־זאַק־מוזיק,
וואָס באַגלייט אָן אויפהער הייזעריק נאָגנדיק,
די לויפנדיקע בילדער פאַר דיין פיבער־בליק.

## לבנה־שיין

אונטער ווינטערדיקער רויטער נעפּל־זון,
פלענצלעך גרינלעך־בלאַסע צאַרט אויפצוגיין,
פּריש־פּאַרזייטער זוימען אונטער פענסטער־גלאָז —
אויף וואַנט פון לבנה דער ווידערשיין.

ניין, עס איז נישט אונטער הייסער זומער זון,
אַז מ׳זאָל קענען הערן וואַקסן דאָס גראָז;
עס זיינען דאָך בלאַסלעך גרינגלעכע פלענצלעך,
אין אַ געוויקס־הויז אונטער פענסטער גלאָז.

ווי טויט־שטיל ס׳איז אַרום, קיין שאָרך נישט, קיין ריר,
נאָר אין אויער כסדר ווי אַ גריל,
ווי ערגעץ־דאָ מיט צעפּלייסן געלעגן,
נאָך דייטלעכער צו מאַכן דעם טויט־שטיל.

פלאַטערן מיינע אויגן גאַנצענע נעכט —
זומער־פייגעלעך אונטער זונען שיין,
אַרום לבנה׳שן קוואַדראַט אויף דער וואַנט,
וואָס שיינט משופּע דורך פענסטער אַריין.

## פולע לבנה

וועלן זיך דען נישט צעוואַקסן באלד
אייז־בלימען און בוימער אויף די שויבן,
טאָ פאַרוואָס נישט אויף דער קאַלטער וואַנט
וואַרעמער הויך פון זידיקן גלויבן?

זיינען לעצטע בילדער פאַר אויגן,
טאַפּעטן אויף נאַסע ווענט צו קלעבן?
דרייענדיקער לאַמטער־מאַגניקום,
מיט טונקלע ווידערשיינען פון לעבן?

לעצטער געדאַנק — אין ענגען שיידל,
אַ פאַרוויקלטע פּאַרמעט־מגילה?
אָ, איך פיל אַ האַנט אויף מיין שטערן,
אַזאַ לייכטע, אַ ווייכע און שטילע —



אַ נאַכט־שוועסטער אין ווייסן־הייבל,
איבער קראַנקן בעט איבערגעבויגן,
הענגט פולע לבנה אין נעפּל,
מיט אַזויפיל גוטסקייט אין די אויגן.

## אין נעפּל

ווי אַרויפקומענדיק אויף אַ באַרג,
דעם שווערן אָטעם אָפּכאַפּנדיק קוים,
בלייבסט דו אינם נעפּל שטיין פּלוצים
פּנים אל פּנים ראַפּטים מיט אַ בוים.

קאָסאָקאָ קוקן דיך סענקעס אָן,
ווי עפּעס יאָ און עפּעס נישט דערקענט,
און די צווייגן, אַ ביסל פרעמדלעך,
שטרעקן קאַלט אויס זיי׳רע בייניקע הענט.

נישט אַרומגענומען צו ווערן,
לאָזט צו דיך ווידער ווי אין טאָל אַראָפּ;
ער וואָלט דיר נאָכגעגאַנגען דער בוים,
הילכט דיין אייגענער טראָט הינטער דיר אָפּ.

ווי אויסטערליש, ווי שוידערלעך־פרעמד
אַזש אַ גרויל גייט איבער דיין גאַנצער הויט,
עס דאכט זיך דיר, ער לאַכט שטיל דיר נאָך:
איז דען פאַראַנען נענטערס ווי דער טויט — — —

## אסטערן...

דעמלט ווען כ׳האָב די אַסטערן דיר געברענגט,
פאַר יעדן בלומען־פענסטער כ׳בין שטיינגעבליבן,
יעדעס שלאַנקע שטענגל מיט דיר פאַרגליכן,
און ביז איך האָב די אַסטערן אויסגעקליבן.

ער איז געווען ווי היינט דער נעפּל טאָג —
אין ביבולע־פּאַפּיר אַ בוקעט מיט בלומען!
ס׳האָט די זון בלאַס אַרויסגעקוקט — אַן אסטער
אָקאָרשט אַרויסגעוויקלט און אַרויסגענומען.

מוטנע־בלוי האָבן געקוקט דיינע אויגן,
גלייך מיט ציענדיקע נעפּלען איבערגעלאָפן — —
אפנים, אַ פאַרפּלאָנטערטער אין נעפּל,
האָב איך אין אַ פרעמדער טיר אַריינגעטראָפן.

יאָרן לאַנג נאָך, אין אַזעלכע נעפּל־טעג,
פלעג איך אַלץ אַסטערן אויפן טיש מיר שטעלן,
און עפּעס מיט אַזאַ דופּט אַזאַ נאָנטן,
פלעגט מיין שטובל ווי מיט ווידערשיין צעהלען.

# אסתר קרייטמאַן

## פרומע געזאַנגען און לירישע פּאָעמעס פון יוסף הלל לעווי

האָבנדיק געלייענט י. ה. לעווי'ס אַלערליי לאַנדאָנער דערשינענע אויסגאבעס: ווי „אונטערן שווערט", „קראָקע־פּאָעמע" א.א.וו. האב איך אַרויסגעפילט אַז הגם ער האָט דאָרטן, אַ סך באמת פיינע לידער, איז ער אָבער פּעאיק, אויף נאָך פיינערער ליריק.

און איצט לייענדיק זיין לעצטנס דערשינען בוך „מיין טאַטע דער סופר און אַנדערע פּאָעמעס", האָב איך געזען, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. דאָס בוך „מיין טאַטע דער סופר" און די אַנדערע פּאָעמעס — וועלן זיכער נאָך ציען אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט מצד דער ערנסטער יידישער קריטיק, (ווי זיינע 10 סופר־לידער דערשינען נאָכן ערשטן וועלט קריג אין ווינער „פארלאג קוואל" און זענען אויך איבערגעדרוקט פארבעסערט אין דער איצטיקער אויסגאַבע) מחמת גראד איצט, בעת די וועלט איז אַרומגערינגלט מיט מגושמדיקייט און פּראָזאַאיקער, ווי דיכטער, שרייבן נאָר פון: צער, בלוט און צאָרן; לידער מיט דינאַמיק — אָנגעגורט נאַטירלעך מיט ביטערע געפילן, וואָס די בלוטיקע פינסטערע יאָרן פון די מאיומדיקסטע איבערלעבענישן האָבן אין זיי פאַרפלאַנצט....

און דאָ אינם ים פון שטאַרקן אויסגוס, — טריפט אריין אַ צאַרטער דיכטער, זיינע שטילע לירישע לידער; פול מיט געפיל, פול מיט הייליקן ציטער — מחמת זיין גרויסער ליבע און טיפן יראת הכבוד, צו זיין שטילן איידעלן און פרומען טאטן דעם סופר — וועלכער איז ביי אים אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל פון אַ פאַרשווונדענעם גרויסן און הייליקן דור. און נישט געקוקט דערויף, וואָס די ליידן פונעם פרומען סופר, און דעם סופר'ס זון זענען פון אַ גאנץ אַנדערן מין און מקור, — ווי די ליידן פון די פילע טאַטעס, מאַמעס און קינדער, וואָס זענען נאָר וואָס אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום און אומגעקומען אין אַלערליי טויט־פאַבריקן; דערפילט מען פאָרט די שטומע יסורים, די שטילע אָרימקייט און דאָס טיפע געבעט, — פונקט אַזוי ווי עס האָט זיי געפילט דעם סופר'ס זון — דער דיכטער י. ה. לעווי, בשעת ער האָט צוגעזען דעם טאַטן זיינעם ליידן — און נאָכמער, בשעת ער האָט איבערגעגעבן זיינע געפילן אין ליד...

אָט דאָס איז דאָך טאַקע דאָס דאָזיקע, וואָס מען רופט אָן קונסט, — קענען זען, ווייזן און איבערגעבן די אייגענע געפילן אויף אַזאַ אופן, אַז אויך



דער לייענער זאָל זען און דערפילן דאָס זעלביקע וואָס דער דיכטער האָט געפילט און געזען ביים שרייבן. און אַז אַ שרייבער דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, איז ער אַן ערלעכער קינסטלער...

און איך וויל דאָ אונטערשטרייכן: אַז יוסף הלל לעווי האָט עס אין זיין איצטיקן בוך דערגרייכט.

איך וועל מיר דאָ דערלויבן צו ציטירן לעווי'ס ליד וואָס טראָגט דעם אייגענעם טיטל ווי דאָס בוך, אָדער פאַרקערט — אפשר האָט זיך טאַקע גאָר דער טיטל פונם בוך גענומען פון דעם דאָזיקן ליד.

זאָל דער לייענער זען פאַר זיך אַליין, וואָס פאַר אַ געפילן די עטליכע שורות בלויז פונם ליד „מיין טאַטע דער סופר" וועלן דערוועקן אין אים:

מיין טאַטע איז שטיל ווי די געלע יריעות
אויף וועלכע ער שרייבט — טאָג און נאַכט,
און דאר ווי די פעדער וואָס ער האט צום שרייבן
פאר'ן הייליקן ספר געמאכט.

עס לייענען די יידן די תורה הקדושה
מיט חדוה און יראה און שרעק, —
נאָר קיינער עס לייענט נישט די שווערע יסורים
פון זיינע פארגאנגענע טעג.

ער האָט דאָרט זיין ווייטיק אַריין נישט פאַרשריבן,
נאָר טיף אים אין הארצן פארמאכט;
דאָך ווײנט ער אַרויס פון די הייליקע שורות —
אין חצות אָפט פאַרבענקט און פארשמאכט....

מיר איז נישט קיין חילוק אויף וואָס פאַר אַ אופן דער דיכטער בויט דאָס ליד, — פאַר מיר איז אַ סך וויכטיקער די צארטע געפילן וואָס די דאָזיקע שורות דערוועקן ביים לייענער אין הארצן און צווינגען אים מיטצופילן ביינאנד מיטן שרייבער דעם הייליקן ציטער פון די שטילע יסורים אין חצות, — בעת דער סופר פאַרגייט פשוט פון גלות־השכינה, און די שכינה פונם לאַנגן יידישן גלות...

אייגנארטיקע געפילן דערוועקט אויך דאָס ליד „וואָלט איך נאָר געדארפן שווייגן", בעת דער דיכטער זינגט:

טאַטע אָ, איך ווער אַ שפל,
ווען דו קוקסט און רעדסט צו מיר, —
די עמודים פון דיין ספר
זיינען טיפער פון מיין שיר.

וואָלט איך נאָר געדארפן שווייגן,
מער נישט זינדיקן געטאָרט;

בעטן אַז אויף מיר זאָל מגין
זיין דיין יעדעס אות און וואָרט.

פאַלן כורעים ווו געזעסן
מיט דיין פען דו ביסט אין האנט, —
און געפערלט אין דיין ספר
יעדע שורה אַ בריליאַנט.

און נישט זינגן מער קיין לידער
דו געווען ביסט גלייביק גרויס!
און געהייליקט מיט דיין לעבן —
אין דיין ספר יעדעס אות...

דאָס איז נישט קיין „פאַטערצענטריומוס", — נייערט די אפאָטעאָזע פון דער טיפער אמונה און דאָס גרויסע און ריינע לעבן פונם פאַרגאַנגענעם דור...

אַזוי איז דאָס בוך פול מיט באמת פיינע פאָעמעס. ס'איז פארשטייט זיך נישט מעגליך זיי אַלע דאָ צו ציטירן, מדארף אליין לייענען די איינגעהאַל־טענע פליסטערנדיקע, כ'וואָלט געזאָגט תפילות — וואָס יוסף הלל לעווי האָט אויסגעזונגען אַזוי ליריש און אין וועלכע ער פארגעטערט אַרויסרוקנדיק זיין טאַטן דעם סופר אלס אַ סימבאָל פון אַ גאַנצן אונטערגעגאנגענעם דור...

און דאָ נאָך אַ פּאָר סטראָפן פון דער דורכאויס פיינער פאָעמע „דעם סופר'ס חלום":

עס האָט אים גע'חלומ'ט אַ חלום,
ער האָט מיר דערציילט און געוויינט, —
נישטאָ אויך אין הימל קיין שלום
כאָטש לויטער די שכינה דאָרט שיינט...

ווען ער איז געוואָרן נתפעל
פון תענוג־הרוחני שוין מאט,
געוויזן האָט שטיל אים מיכאל —
פון בורא דעם קשר של יד.

אָ משה נאָר דו קאָנסט דאָס פילן,
מיין שמחה און צער איז צו גרויס!
דו האָסט דאָך אַמאָל פון גאָט'ס תפילין —
געזען אויך דעם קשר של ראש...

ווער האָט דאָרט געשריבן די שורות,
די פרשות מיט וואָסאַראַ טינט?
עס שרעקט מיך, די עשר ספירות —
מיר דוכט אַז זיי וויינען אַצינד...



און קולות וברקים אַ מורא,
דער שופר הגדול ער שאלט!
עס דעקט אָפּ זיין טלית דער בורא
און ס'ווייזט זיך זיין פייערגעשטאלט.

נאָר פלוצים אַ שרעקלעכער שוויגן,
ווייל גאָט איז מבשר זיין גזר:
איך גיי מיינע תפילין אָפּלייגן,
באַפרייען די יידן פון צער.

און ווען זיך די וועלט נישט באַקענען
אַז זי האָט אומזיסט נאָר געקוועלט, —
מיין אומה צייט דורות, פאַרברענען —
איך וועל זי אָפּמעקן די וועלט!

און ס'האָט זיך פון טלית־השכינה
פאַרלאָשן דער פורפּולנער פאַס,
נאָר שטיל האָט געברומט נאָך אַ שטימע —
„הנני העני ממעש?"...

די דאָזיקע פאָעמע קאָן מען פשוט ניט ציטירן, מען מוז זי אליין לייענען. אויף שריט און טריט, שטויסט מען זיך אָן אויף שורות, זאצן, סטראָפן און גאנצע לידער וואָס פארכאַפּן ממש.

אויך אין זיינע „מאָדערנע לידער" איז י. ה. לעווי'ן געלונגן אַריינצו־דרינגען אינם הארצן פון לייענער און אים געצווונגען מיטצופילן זיינע אייגענע שווערע איבערלעבונגען, און די — פון זיינע מיטמענטשן וועלכע האבן זיך געפונען אין די קאָנצענטראציע לאגערס.

ווען מען לייענט דאָס ליד: „אָ לודוויק, לודוויק!" אָדער „אין תפיסה", — מוז מען פשוט שטוינען ווי דער דיכטער האָט גענומען כח נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן — נאָך אַלץ צו קענען שרייבן לירישע לידער, און נאָך צו האָבן באַציאונג צו דעם אלעם וואָס איז שיין און גוט אינם מענטשלעכן לעבן.

בלי שום ספק האָט זיך יוסף הלל לעווי מיט'ן איצטיקן בוך לידער גע־שאַפן אַן אַרט צווישן אונזערע פיינסטע יידישע דיכטער.

„מיין טאטע דער סופר"
און אַנדערע פאָעמעס
א ניי בוך פון יוסף הלל לעווי
פרייז 21 שילינג
צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:
M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.

## י. י. ראַפּאַפּאָרט

# די קראַפט פון גייסט

ישעיהו שפּיגל: „מלכות געטאָ“, נאָוועלע, פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן“, לאָדז, 1947, 96 זייטן, קליינע ביבליאָטעק.

(המשך)

די דייטשן האָבן נישט באַזיגט וועלוול דעם רויטנס מענטשלעכע נשמה: אויך מיט די בלוטיקע פּרענגעס אויפן פּנים האָט ער געהאַט אַן אויער פאַר פייגל־געזאַנג.

און אָט די מענטשלעכקייט און אוממענטשלעכער באַדינגונגען געפינט מען אין אַלע דערציילונגען, — אין דער אָדער יענער פאָרם.

סאַראַ קליינע ראָל עס שפּילן דאָ די דייטשן, אָט די הערשער איבערן מלכות געטאָ. מערסטנטיילס זענען זיי דאָ אינגאַנצן נישטאָ, — זיי שטייען אין הינטערגרונט, ווי די באַצילן ביי דער שילדערונג פונם מגפה־גרויל. און דאַן, ווען זיי באַווייזן זיך ממשותדיק אויפן פּאַן פון אַ דערציילונג, זענען זיי אויך נעבעכדיקע מיטשפּילער: זיי פיגורירן נאָר פון דרויסן. זיי זענען צו נישטיק, כדי צו שפּילן אַ געהעריקע ראָל אין דער פאַראינערלעכטער גראַנדיעזער מענטשהייט־טראַגעדיע פון מלכות געטאָ.

פונם אויבנגעזאָגטן איז קלאָר, אַז ישעיהו שפּיגעלס דערציילונגען זענען נישט קיין לעבנס־ברעקלעך, אויסגעקנאָטן אין דער פאָרם פון דערציילונגען, — דאָס זענען קאָנדענסירטע, פאַראַלגעמיינערדיקע שטימונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק דורך אַ סימבאָליש־צוגעשפּיצטן פּרט (אַ פּשוט־ווירקלעכער אָדער אַ דיסטילירט־ווירקלעכע).

אָט דעם כאַראַקטער טראָגן אַלע דערציילונגען, אָבער אייניקע פון זיי זענען אַזוי שטאַרק און גראַנדיעז, אַז עס איז שווער איבערצוגעבן (סיידנס, ביים לייענען, — איבערצולעבן!) זייער גרויזאַמען צויבער.

צו די דאָזיקע געהערן „ברויט“ און „מלכות געטאָ“.

לאָמיר נעמען בלויז די אויסערלעכע ליניע פון דער דערציילונג „ברויט“.

דאָס ברויט ווערט פאַרטיילט פאַר יעדער נפש פון שימעלעס און גליקעס פאַמיליע. מען האַלט עס אין אַ קעמערל.

איז געשען איינמאָל אַן אומגליק, ווי אַזוי דאָס איז געשען האָט דער פאָטער, שימעלע, נישט געוווּסט.

„אַ שטורעם־ווינט איז דעמלט אַרומגעגאַנגען אין זיין האַרץ. עס זענען גאַרנישט געווען זיינע הענט, וואָס האָבן די קינדערס פּאָרציעס ברויט אין דער טונקלקייט פון קעמערל געשטופּט צו זיך אין מויל אַריין... ניין, ניין... ס׳איז שוין נישט דעמלט געווען דער טאַטע... וואָס האָט געריסן דאָס טונקלע ברויט פון קאַסטן־מעל און באַסליניעט עס צענדליקער מאָל; פונם פולן מויל זיינען אַרויסגעפאַלן נאַסע, צעקייעטע שטיקער און געבליבן ליגן אויף זיינע ביידע האַנטפלאַכן. פונדאַנען זיינען זיי ווידער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אינם



מויל, וואָס האָט זיי פאַרצערט אין אַ אימהדיקער האַסטיקייט. און אַז דאָס איז געוואָרן אָפּגעטאָן איז ער געבליבן לאַנג שטיין אינעווייניק אין דער פינסטערניש, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די דלאָניעס, אַ פאַרגליווערטער און פינצטערער“.

און די מאַמע האָט אויף דעם שפּעט אין אָוונט געזאָגט:

— “איצט פעלט נישט מער, רבונו של עולם, ער זאָל אָפּשניידן אַ שטיק פלייש פון די קינדער און אָפּקאָכן... אַ טאַטע, האַ? אַ טאַ־טע־ע, האַ? רוצח...“

און דאַן דאָס בילד פון די צוויי קינדערלעך, וועלכע שטייען אין קעמערל שעהן לאַנג און קוקן דורך שפּאַרונעס אויף אַ ברויט־קראָם און אויף אַ קעזגעוועלב.

„אומעלע קוקט אַזוי מיטן לינקן אויג, און די צונג אין מויל שווימט דערווייל אַרום אין שטראָמעלע פון זיסן שפּייעכץ.... ער דערזעט פלוצים ווי דאָרט קעגנאיבער האָט אַ האַנט פון אינעווייניק אַראָפּגענומען אַ ברויט. ער גיט אַ זיפץ הינטער אים שטייט פּערעלע ציט אים ביים הענטל און הערט נישט אויף צו בעטן.

— לאָז מיך אויך צו... אַלץ דו... אַלץ דו... כ׳בין אויך הונגעריק....

„אומעלע רירט זיך נישט פון אָרט. פלוצים שרייט ער אויס ווי נישט מיט קול:

„— נעם נישט, נעם נישט, נעם נישט!....

„קעגנאיבער האָט די האַנט ווידער צונויפגעשאַרט צוויי ברויט און אַ גאַנצע קופּע זעמל....

„און אַז פּערעלע צופּט אים עקשנותדיק ביים אַרבל און וויל נישט אָפּטרעטן, ווערט ער אין כעס און שרייט אויס:

„— כ׳וויל נישט און שוין, איך נעם עפּעס פון דיין קעז?“

און אַזוי „עסן“ די קינדער דאָס ברויט מיטן קעז, ביז עס ווערט אינגאַנצן צוגענומען דורך אַנדערע....

בלויז איינמאָל עסן די קינדער צו דער זעט: ווען די דייטשן כאַפּן צו פון גאַס שימעלען, דעם טאַטן, און די מאַמע גיט זיי אָפּ דעם טאַטנס ברויט:

„— עסט, קינדערלעך, עסט ס׳איז דעם טאַטנס ברויט. דעם טאַטנס גאַנצע ברויט....“

ערשט ווען מען לייענט איבער די דערציילונג, נעמט מען באַגרייפן, וואָס עס קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַזאַ פּשוט, טרוקן קעפל, ווי „ברויט“.

און אַזוי נעמט שפּיגעל אין פּשוטע זאַך נאָך דער צווייטער: „ערד“, „שניי“, „ברויט“, „בליעכץ“, געזאַנג פון פייגל“, און קאָנדענסירט אין זיי דיכטעריש די יידישע און מענטשלעכע טראַגעדיעס אין די היטלער־געטאָס.

אָבער אין דער לעצטער דערציילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונם ביכל, טרעט ער צו צו געבן אַ בילד פון דער גאַנצער טראַגעדיע: געטאָ.

אין אַ פּאָעטישער ראַם גיט שפּיגעל אַ שוידערלעך בילד פונם געטאָלעבן; נאָך אַ פּרעכטיקער שילדערונג פון אַ זונאויפגאַנג, נעמט שפּיגעל שיל־

דערן דעם קאָנטראַסט, די מלכות גערטאַ, וואָס איז נישט נאָר אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די מענטשלעכע געזעצן, נאָר זי איז אויך ווי אַרויסגעפאַלן פון די נאַטור־געזעצן:

„ווי נאָר דער טאָג, אַ קראַנקער, אַ צעטומלטער פאַלט אַריין אין געטאָ, אַזוי נעמען זיך אַרויסשאַרן פון דער האַלבער פינסטערניש, פון אונטער שטיגן, פון פינסטערע קעלערס, פון קליינע דירהלעך, — — — זיי גייען, די מענטשן, פון אַלע הייזער, פון אַלע שטאַקן, פון אַלע שטובן, פון אַלע לעכער און מיט זייערע זעק און טאָרבעס נעבן זייערע הערצער לאָזן זיי זיך איבער די הויפן פון געטאָ. זיי ציען מחנותווייז, ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע מייז צו טופּלע נאַס פּוילעכטס, צו כלערליי גראָז אָפּפאַל פון עסנוואַרג, צו קלעפּיקן הויט, וואָס ליגט אין די אָפענע און באַהאַלטענע מיסטקאַסטנס פון מלכות געטאָ“.

דאָס בילד פון הונגעריקן געטאָ איז שוידערלעך, מעכטיקער ווי דאַנטעס גאַנצער צו געטראַכטער גיהנם.

אָבער דאָס איז נאָר אַ הינטערגרונט פאַרן עיקר־בילד פונם מלכות־געטאָ.

יידן אַרבעטן אין דער קירכע „די הייליקע מאַריע“. דאָ ווערט געפּאַקט, דורך הונגעריקע יידן, „אין גרויסע זעק דער ווייסער פּוך און די ווייכע פעדערן פון יידיש בעטגעוואַנט. פון די שטעטלעך זענען זיי אָנגעקומען פאַרפלעקט מיט בלוט און יידיש געוויין“.

אָבער „טיילמאָל געשעט“:

„...פּלוצים, אינמיטן פּאַקן די גרויסע גראָע זעק מיט ווייכן פּוך, דערהערט מען פון אויבן אַ לייכטן קלאַנג. דער ווייכער קלאַנג קומט פון גאַר אויבן, פון די טורעמלעך וואו עס שוויַגן די פאַרשטומטע גלעקער. און די גלעקער הויבן אָן זיך וויגן, שטיל און פאַרכישופט. די יידן האָבן מורא אויפצוהויבן די קעפּ, די גלעקער וויגן זיך איצט צעכוואַליעטע און דאָס שטאַרקע גלעקער־געזאַנג טראָגט זיך ווייט צו די נאָענטע פעלדער. באַלד וועלן אָנקומען די פּויערים, מיט פרום געזאַנג ווערט פול אונטער די קופּאָלן. די לאַנגע קאָרידאָרן שאַרן פון קליידער און פרומע טריט. די יידן הויבן נישט אויף זייערע קעפּ און אַ פּחד פון קירכלעכע שאָטנס פאַלט אויף זייערע הערצער. און דעמאָלט זאַמלען זיי זיך אין אַ ווינקל און איינער פון דער עדה רייסט זיך אַרויס מיט אַ כליפּ:

„—רבונו של עולם, זיי זיך מרחם אויף דיין פאָלק ישראל... האָב רחמנות אויף דיין אָרעם פאָלק!...

„און פון אויבן, פון די הויכע ליידיקע אָרעמלעך, טראָגט זיך ווידער אַ ווינט, אַן איינזאַמער און קילער“.

די יידן ווייסן פון וואַנעט זייער אומגליק שטאַמט.

ווי אַנדערש עס קלינגט דידאָזיקע עכטע דיכטונג, ווען מען פאַרגלייכט זי מיט שלום אַשס אויף קאַלט צוגעטראַכטער דערציילונג וועגן יעזוסן פון דער קירכע אויף גזשיבאָוו (אין זיין בוך „דער ברענענדיקער דאָרן“.)

און דאָ איז אויך דאָ דער קריסט.



די דערציילונג שפּיגעלס הויבט זיך אָן מיטן זונאויפגאַנג און פאַרענדיקט זיך מיטן זונפאַרגאַנג.

די פאַר ווערטע שעה פאַר יידן הויבט זיך אָן. אויף אַ זייטיק געסל, נישט ווייט פון דער קירכע שטייט אַ קליינע געמויערטע קאַפּעליטשקע, וווּ ס'ברענט אַ נר־תמיד. אינעווייניק שטייט די גיפּסענע פיגור פונם געקרייציקטן. וואָס טונקעלער עס ווערט אַרום, אַלץ שאַרפער פאַלט דאָס רויטע ליכט הינטער דעם געקרייציקטן, אויפן הויכן טורעם־זייגער רוישט ווידער דער ווינט. די נאַכט ליגט שוין אין די פענצטער פון מלכות געטאָ. דער לעצטער ייד לויפט אַדורך דאָס געסעל. דאָס הייליקע פלעמל פון דער קאַפּעליטשקע שלאָגט אים אין פּנים. איבער די דראָטן קלאַפּן שטיוול. דייטשן גייען אין געטאָ אַריין. דער געקרייציקטער אין האַרץ פון געטאָ ווערט אָנגעגאָסן מיט פלאַם. זיין דאַרער פאַרפּייניקטער יידישער גוף ליגט איינגעהילט אין אַ רויטקייט פון וואַרעם בלוט“.

עס וואָלט פאַר יעדן עכטן לעזער געווען כדאַי צו פאַרגלייכן שלום אַש'ס יעזוס אין יידישן געטאָ און שפּיגעלס.

* * *

דאָס קליין ביכעלע „מלכות געטאָ“ איז אַ באַגלויבטער עדות, אַז מיר האָבן אין ישעיהו שפּיגעל אַ עכטן דיכטער, וואָס איז באַשאָנקען מיט גרויס טאַלאַנט און אחריות־געפיל פאַרן וואָרט.

איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי פיל נישט ציטירט אין אַ רעצענזיע.

און דאָך האָב איך זעלטן ווען געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'האָב צו ווייניק ציטירט, ווי אין דער דאָזיקער.

(סוף)

## י. ביעטש

# אויפן שוועל פונם נייעם יאָר

מיטן היינטיקן דעצעמבער נומער ווערט פאַרענדיקט נאָך אַ יאָר, פונם דערשיינען אין לאָנדאָן, דער חודש זשורנאַל „לשון און לעבן“. איינער פון די אומציילינקע יידישע אויסגאַבעס אין דער וועלט, וועלכן א. נ. שטענצל גיט אַרויס רעגלמעסיג און פּינקטלעך יעדן חודש, שוין אַריבער צען יאָר.

די צייט־שריפט איז געבוירן געוואָרן אין אַ צערודערטער, צעטומלטער צייט. אַ צייט, ווי אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז אויף אַן אַכזריקן אויפן אומגעקומען. די שענסטע מענטשלעכע אידעאַלן, ווי פרייהייט, גלייכהייט, און ברידערלעכקייט, זיינען באַשפּיגן און אויסגעלאַכט געוואָרן. אין אַזאַ צייט פון געפאַר איז מען געצוואונגען צו פאַרטיידיקן דאָס אייגענע ביסל קיום, כדי ממשיך צו זיין די גרויסע גייסטיקע ירושה, וואָס ס'איז אונדז געבליבן. אין אַזעלכע שווערע צייטן פון גרויסע וועלט איבערקערנדיקע געשענישן, מוז מען זיין אויף דער וואַך פון אַלדאָס פּאָזיטיוועס, וואָס ס'ווערט געטאָן אין דער

יידישער קולטור וועלט, און אָביעקטיוו באַלויכטן די וויכטיקע ליטעראַרישע קינסטלערישע דערשיינונגען. בעיקר צו בלייבן באהאפטן מיט די לעבעדיקע שאפערישקייט אונדזערע. שטעלט זיך די פראגע, האט די דאזיקע צייט־שריפט, דערפילט אט די אויפגאבע?....

ס׳איז קלאר אז די העפטלעך און איצט דער זשורנאל „לשון און לעבן", האט לויט די מעגלעכקייטן אירע אמבעסטן דערפילט די וויכטיקע אויפגאבע און געברייגנט צום אויסדרוק די אלע פראבלעמען, וועלכע זיינען נוגע דאס יידישע קולטורעלע לעבן אין דער גארער וועלט. אויב ס׳זיינען פאראן טענות אז דער זשורנאל דערפילט נישט דאָס, וואס א סך פון די קלוגע עצות געבער ווילן, איז דאס נישט די שולד פונם ארויסגעבער. די שולדיקע זיינען דער היגער יידישער עולם, וועלכע שטייען פון ווייטן און ווילן קיין האַנט נישט צולייגן.

נאָכאַלעמען איז דער זשורנאַל אַ ווירקלעכקייט, ס׳איז גענוג אָנצוצייגן, אז אויף די זייטלעך פון דעם זשורנאל דערשיינען תמיד ליטעראַרישע דערציילונגען, סקיצן, ,קריטישע ארטיקלען, סאטירישע און פאנטאסטישע פערזן, פון היגע יידישע שרייבער, און פון אַנדערע לענדער. כאָטש ס׳איז דא נישט דער ארט צו געבן א רשימה פון אלע די שרייבער, וועלכע זיינען מיטאַרבעטער אינם זשורנאל „לשון און לעבן", מוז אבער געזאגט ווערן, אז אייניקע פארנעמען א חשובן ארט אין דער יידישער ליטעראטור. דער חידוש ווערט דורכדעם נאָך גרעסער: פאַר וואָס אַזאַ שוואַכע באַציאונג מצד די שרייבער משפחה?

אַ חודש זשורנאל אין לאנדאן ארויסצוגעבן, איז א שווערע אויפגאבע. מיר, „פריינט פון יידיש לשון", וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אז דער זשורנאל זאל גרייכן יעדע הויז, וואו מען ריידט יידיש, ,האבן דעם גלויבן און די טיפע איבערצייגונג, אז ס׳ווערט געטאן א וויכטיקע זאך, קוקן נישט אויף קיין שום אָנשטרייגונג, אויף קיין שום מי פון אונדז פערזענלעך. דאריבער נעמען מיר זיך דאס רעכט צו פארלאנגען פון די יידן, וועלכע האבן ליב דאס יידישע וואָרט, אינאיינעם שיצן דאס איינציק ברענעדיק ליטעראריש ליכטל, אינם יידישן לאָנדאָן, און אויסשטרעקן אַ העלפנדע האַנט, ביז ס׳וועלן קומען בעסערע צייטן....

אמת, אז אסך פלענער און פארזוכן זיינען פון צייט, צו צייט געמאכט געווארן, ווי ארויצוגעבן זאמעלביכער, מיט א שטרענג סעלעקטירטן תוכן! מיט וועלכע מען וויל באגליקן דעם לאנדענעם יידישן עולם. געוויס קען דאס באטראכט ווערן, ווי אַ שריט פאראויס, איז אבער די צרה, וואס די אלע געוואָרפענע לאזונגען, זיינען תמיד ביי דעם געגליבן. דאס אליין האט געשאפן עפּעס א פרעמדקייט צום יידישן שרייבער, ממלא צום יידישן בוך, דאס זעלבע איז נוגע דאס יידישע טעאטער, פון וועלכן ס׳איז נישטא באזונדערס פריילעכעס צו שרייבן. אפילו די גאסטשפילן פון אזא בארימטן און באדייטענדען



שוישפּילער, ווי זיגמונט טורקאוו, איז דאס טעאטער, די מערסטע טעג פון דער וואָך כמעט ליידיק געווען.

אַ שיין קאַפּיטעל פארנעמט אין דעם יאר 1949 די ליטעראַרישע שבת נאכמיטגס, וועלכע האבן זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאמען, א דאנק זייער קולטורעלן ניוואָ. חוץ, וואָס אַ טייל פון די שבתים ווערן געווידמעט דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור, ווערן אויך געהאַלטן רעפעראטן, איבער פראגן און פראבלעמען, וועלכע געהערן צו דער ליטעראטור, וואָס שפּיגעלט אָפּ די טראגישע גרוילטאטן פון דער נאַציסטישע ביטערע צייט. באמיענדיק זיך אינם איצטיקן מאמענט פון אסימילאציע, צו אינפארמירן, ווי ס׳האַלט און דער יידישער ליטעראטרישער וועלט.

עס איז שוין פיל מאל און מיט רעכט געזאגט געוואָרן אז פּונקט, ווי מען האט אמאל נישט געקענט זיין אַ תלמיד־חכם אָן אַ גענוגענד ידיעה אין תורה און תלמוד, אזוי קען קיינער מער זיך רעכענען פאר א יידישן מענטש און א געהעריקער ידיעה אין די יידישע קלאַסיקער. עס איז נישט מיין כוונה, איך בין אויך נישט בארופן דערצו, צו געבן אַן אָבהאַנדלונג איבער די יידישע ליטעראטור, וועלכע איז ביים היינטיקן טאג איינע פון די וויכטיקסטע טיילן פונם יידישן שפּונגס געניוס. די ליטעראטור, אַזוי אויך דאס יידישע טעאטער דורך וועלכן דער יידישער מענטש זעט די וועלט, זיינען די גייסטקע אַײנסטיטוציעס, דער שפּיגל אין וועלכן עס רעפלעקטירט זיך די אויסערליכע וועלט, וועלכע קוקט אריין אין דער יידישער נשמה און הארץ.

בלי ספק האבן די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, וועלכע עקזיסטירן שוין שיינע יארן דערוואָרבן א בכבודיקן ארט צווישן די יידן, וועלכע וווינען אין ווייטשעפּל און אַרום, וואו דער יידישע מאַסן קומט שבת בייטאָג הערן א יידיש וואָרט, אזוי ווי מען פלעגט אמאל קומען הערן א מגיד. די יידן, וואָס האבן גערעדט יידיש, ווען זיי זיינען ארימער געווען און געוווינט אין די איסט ענד און היינט וויל מען פארגעסן יידיש, צו זיי ווילט זיך זאגן אז זיי פארלירן אסך, ווייל מען קען זיך נישט אויסלעבן מיט פרעמדע ליידן און פריידן. די שפּראך, אויף וועלכע מען איז דערצויגן געוואָרן איז נאנטער צום הארץ, ווי אַן אנדערע שפּראך, וועלכע מען האט נישט ריכטיג דערלערנט.

דאָס זעלבע קאן אויך געזאגט ווערן איבער אונזערע סוף־חודש־זונטיקס און בן אורי, אין וועסט־ענד, ווו צענדליקער מענטשן קומען אויף די אָוונטן. דאָ האָבן געוויסע פּערזאָנען שוין געהאַט גרויס אינטערעס אונזער אַרבייט צו שטערן, — ס׳איז דאך עפּעס די וועסט ענד! — אָבער ס׳איז זיי נישט געלונגען....

מיר, טארן נישט אפלאזן די גייסטיקע פּאָזיציעס, וועלכע איז מיט אזוי פיל שווערקייטן געשאפן געוואָרן, נאר זיי פארשטארקן. זיכער פאדערט זיך גרויסע אנשטרייגונגען, אבער עס לוינט זיך. שווערקייטן זיינען איצט געקומען אויף דער יידישער גאס, דאס יידישע בוך, דאס יידיש טעאטער, דאס דערשיי־

נען פון „לשון און לעבן" ראַנגלען זיך מיט סכנות נפשות פאַר זייער עקזיסטענץ.

מיר גייען אָן מיט אונזער אַרבעט, מיר זיינען גרייט דאָס ווייטער צו טון, אָבער מיר מוזן האָבן די נויטיקע מיטלען. מיר ווענדן זיך צו אייך לעזער און פריינט פונם יידישן וואָרט העלפט די מיטלען צו שאַפן.

איך וויל קיינעם נישט וואָרנען, אַז דאָס איינציקע ליטעראַרישע ליכטל קען דורך די פּאַסיווקייט, מצד דעם עולם חס־ושלום אויסגיין און דער חושך וואָס הערשט ביי אונדז נאָך שווערער און דיקער ווערן. אונדזער דור איז באַדראָט פון גייסטיקער אַסימילאַציע, קענען מיר זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס צו זיין פּאַסיוו און איצטיקן מאָמענט. עס ווענדעט זיך אין יעדן פון אייך צו פאַרפעסטיקן דאָס שטיקל פּאָזיציע, וועלכעס איז מיט אַזוי פיל שוועריקייט דערגרייכט געוואָרן.

מיר שטייען אויפן שוועל פונם יאָר 1950, ווי זאָגט מען, אַ וואָרט אין צייט שאַדט קיינעם נישט.

---

## אין־דער־גיך און פאַרביילויפיק...

### 1. אַ שטיקל באַריכט כאָטש איבער איין שבת

אויף דעם שבת, געווידמעט פריינט מיכל זילבערבערג פאַר זיין פאָרן קיין ישראל, ווו ער האָט פאַרגעלייענט קאַפּיטלעך פון זיין נאָך ניט פאַרעפנטלעכט בוך פון וואַרשעווער געטאָ, איז אויך טורקאָוו אָנוועזנד געווען און דער עולם פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס האָט ביידע חשובע געסט מיטגעגעבן זייערע האַרציקע ברכות אויף זייער וועג קיין ישראל.

מיכל זילבערבערג איז נישט קיין פּנים חדשות ביי די י.ל.ש.ג. ער האָט אויך ערשט פאַר אייניקע וואָכן אויף דער פייערונג איבער אליהו בחור געהאַלטן זיין אויסגעצייכנטע רעדע. די אייניקע קאַפּיטלעך וואָס דער מחבר האָט אַליין פאַרגעלייענט זיינען מער ווי „רעפּאָרטאַזש"; זיי זיינען געלאָדן מיט דראַמאַטישקייט, און פיין סטיליזירט. דאָס בוך איז אָן שום ספק אַ פאָרטזעצונג צו דער סעריע „פּוילישע יידן" וואָס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס.

אין דעם אָונט וואָס איז געווען בעיקר געווידמעט דער חורבן־ליטעראַטור, אין וועלכער ס'זיינען שוין דערשינען אַזעלכע וויכטיקע ביכער פון שטריגלער, ד"ר דוואָזשעצקי, ראַכמאַן, טורקאָוו, גראַדע, סוצקעווער א.א. האָבן זיך באַטייליקט דער באַקאַנטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג מיט זינגען געבירטיקס לידער, נחמן רובין מיט דעקלאַמירן „צו די הימלען" פון קאַצענעלסן, י. ביעטש און אייזיק גאָלדבערג האָבן געלייענט געטאָ־דערציילונגען.

צום סוף פון דעם געלונגענעם ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג האָט משה עובד וואָרעם באַגריסט טורקאָוון וועלכן דער עולם האָט אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג, און דער פאַרזיצער האָט די ביידע חשובע געסט געווינטשן אַ לך לשלום אויף זייער וועג קיין ישראל.



אין דער צייטונג איז קיינמאָל קיין באַריכט נישט איבער אונזערע שבתים און אונזער ל.א.ל. איז יעדעס צייטל מיט גאָלד געוויגן, זאָל כאָטש צום סוף יאָר זיין אַ שטיקל באַריכט איבער איין שבת.

### 2. נאָך עפּעס איבער טורקאָווס שפּילן

פון די דריי איבערזעצטע דראַמעס וואָס טורקאָוו האָט געשפּילט, דעם „גלאָקן־ציער פון נאָרטרדאַם", די „שבתי צבי"־סצענע און דעם „קאַרגן", האָט זיך זיין קינסטלערישע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייט אָם בולטן אַרויסגעוויזן ביים לעצטן. ביים ערשטן האָבן שטיקער בינע געפעלט, צומאָל איין שפּיץ פונם קלויסטער כאָטש זען! און דאָס צווייטע מיט זיין גאַנצער עמאָציע און מאָנומענטאַלקייט איז געווען סעקטיש־ענג — כאָטש עס האָט געגעבן אַ שלאָג איבערן קאָפּ ווי מיט אַ דובינע. אַזאַ פיינער אינטימער קינסטלער ווי טורקאָוו האָט גאָר נישט נויטיק אַזעלכע שטאַרקע מיטלען, אַזעלכע הויכע טענער אָנצושלאָגן.

אינם „קאַרגן" האָט זיך טורקאָוו באַוויזן מיט זיין רייכער סקאַלע פון וויסן און קענען. די אויפפּאַסונג שוין פונם גאַנצן איז געווען אַ ריין קינסטלעריש קולטיווירטע — אַ גראַציעז־וויגנדיקער, אַלט־פראַנצויזישער מינועטן־טאַנץ פון אָנהויב ביזן סוף. און די רעזשי האָט בריליאַנטירט פון יעדן אַקטיאָר. ראָזאַ טורקאָוו אין איר ראָלע פון דער שדכנטע האָט זיך באַוויזן פאַר אונז ווי אַ גרויסע אַקטריסע.

זיגמונד טורקאָווס נסיעה קיין ישראל וועט זיכער זיין אַ גרויסער דערפאָלג, כאָטש ער וועט דאָרטן מסתמא שפּילן אין העברעאיש (דינא דמלכותא דינא!...). דער אויסדרוק פון „אין כחו אלא בפה" איז זיכער נישט חל אויף טורקאָוו'ן, וואָרים אַ חוץ וואָס זיין כח איז גרויס אין רעזשי איז זיין מימיק־פּסיכאָ סילועטן שפּילן נישט קיין אויסדריקלעך לשונ'דיקס — זיין סטיליזאַציע גרעניצט זיך שוין טיילמאָל מיט תלמיד־חכמדיקן כבד־פּה'אידיקייט — אַ רענדל אַ וואָרט! — און דאָס, זיין קינסטלערישער מאַניעריזם אַזוי צוזאָגן! — וועט אים דווקא העלפן דעם עברית־אַקצענט לייכט ביי צוקומען.

אגב, ראָטן מיר אַלע וואָס פאָרן קיין ישראל, צו פאָרן איבער לאָנדאָן, ווען זיי וועלן זען דעם גייסטיקן ים־סוף געמויזעכץ אין וועלכן מיר לעבן דאָ, וועט זייער ליבע צו ישראל פאַרטאָפּלטער און געשטאַרקטער ווערן...

### 3. די שוין צו לייכטע יידישע אַפּעטיטן...

עפּעס קומט אויפן רעיון דער פּסוק „שעלים הולכים בו" ווען מען זעט דאָ וואָכן־איין־וואָכן־אויס — די וואָכעדיקע האַפּקעס אויף דער בינע. אָבער ווי האָט רבי עקיבא געזאָגט: דווקא דער קיום פון די פיקסלעך איז דער סימן, אַז דאָס צוריקקערן פון דער הייליקייט וועט אויך מקוים ווערן.

כדי אָבער צו פאַרשטיין פאַרוואָס „גלייכט" טאַקע עולם בעסער די פלאַכע אַפּערעטעס מיט פיל „געזאַנגע און טענצע" מער ווי אַ ריין אויסגעאַרבייט

און אויסגעוואויגן קונסט־ווערק, מוזן מיר זיך נישט נאָר אַרומקוקן אויף דעם נאַריש־לאַכנדיקן און פּאַטשענדיקן עולם, נאָר אויף אונזער נאַרישן וועלטל, וואָס מיט איין דריק ביים אַטאָם־קנעפּל פאַרדרייט עס זיך מיט הינטן אַרויף.

אונזער גאַנץ ציוויליזירט לעבן, מישטיינס געזאָגט, ווערט פון טאָג צו טאָג פאַרפלאַכטער און ניווילירט! די מאַסע — דער ראָבאָט, איז געוווינט צו פאַרלייכטערן זיך דאָס לעבן און צו פאַרביליקן עס מיט אַ דריק ביים עלעקטרישן קנעפּל, מיט אַ דריי ביים גאַז־רערל — מיט ווייניק אָנשטרענג דערגרייכט מען דעם מאַקסימום! און כסדר און יעדע רגע דעם זעלבן דריי, דעם זעלבן קוועטש, ביי אַלע אונזערע נויטווענדיקייטן. ביי אַזאַ פאַראיינפאַכט לעבן איז דזשאַז — מוזיק, „פאָלקס־טראָט" — טאַנץ, גראַם־וויצן—דיכטונגען.

די ציוויליזירטע גרויס־שטאָט־מאַסע איז אַוועק פונם מקור, פונם מעמקימ'־דיקן, פון פאַרטיפן זיך אין זיך, פונם פּראָבלעמאַטישן—מיר זיינען געוואָרן אַטאָמיזירט! און מיט יעדן שריט ווייטער צו דער ציוויליזאַציע גיין מיר אַלץ אַוועק אַ טראַט פון קולטור, פון טראַדיציאָנעלן, פון מקורותדיקן, פון קאָסמישן.

און ווער נאָך ווי מיר יידן איז נאָך אַזאַ גרויס־שטאָט פאָלק! אַז אונזערע אַלע קליינע שטעטלעך האָבן מיר פאַרלוירן און געבליבן בלויז ביי לאָנדאָן, ביי ניו יאָרק. איך האָב שיעור אויך נישט געזאָגט — ביי תל אביב!...

## 4. דער גוט-באַקאַנטער דזשעק רעכטצייט אין די יוגנדלעכע לאה שטערלינג

בכל־אופן מוזן מיר אָבער דאָך וויסן ווי צו שעצן די יידישע פאָלקס־טעאַטערס אין אונזער ישוב, אויף וואָס פאַר אַ ניוואָ זיי זאָלן נישט שטיין — שטייען זיי נאָך אַלץ אויף אַ שענער ניוואָ ווי אונזערע אנדערע קולטור־אינ־סטיטוציעס און מסודות וואָס אונזער קהילה און פאַרטיי אָרגאַניזאַציעס האַלטן אויס.

קודם כל איז דאָס טעאַטער אַ פאָלקס דינסט און מאַסן פאַרווײַלונג אויף יידישלעכן אופן און האַלטן זיך אויס אויף אייגענע הוצאות אָן שום מאַסן־אַפּילס. און דער עיקר אויב מיר האָבן 9 חדשים אין יאָר פאָלקס־טעאַטער, האָבן מיר אויך דערפאַר אַ צוויי חדשים אין יאָר גוט קונסט טעאַטער — אין ליידיקן קומט קיין מזל ברכה שוין זיכער נישט אַריין!...

אין אַלעקס טעאַטער שפּילט איצט די טאַלאַנטירטע יוגנדלעכע אָפּערעטע זינגערין לאה'לע שטערלינג מיט אירע פאַרטנערס יוסף שטערלינג און מאָריס סענד, און דעם חזנישן זינגער האַס, די יידישלעכע אָפּערעטעס פון דער אַלטער גוטער צייט. אָבער מייזלס פלאַנט ווידער אַריבערצוברענגען פוקס'ן, ווייל דעם מאַסן־עולם געניגט שוין נישט „טאַנצנדיקע", „זינגענדיקע" און „שפּרינגענ־דיקע", זיי ברויכן שוין עפּעס „בעסערע קלאַס" — אַז ס'זאָל אַ נעם טון ביים פּופּיק!... איך פאַרשטיי זייער גוט דעם סאָרט „בעסערע קלאַס" מענטשן... און אויב שוין צאָלן אַ גינע פאַר אַ טיקעט, ווילן זיי אַז ס'זאָל זיי רינען איבער דער באָרד...



אָבער דער זעלבער מייזלס האָט דאָך אָבער אויך אַראָפּגעבערענגט אַ בור־לאָוו, אַ האַלפּערין, און וועט זיי ווייטער זיכער אַראָפּברענגען. איך וויל נישט מייזלס'ן פאַרענטפערן — איך וויל דאָס טאָטשען אין האַרצן שטיל מאַכן!

אלנפאלס דזשעק רעכטצייט, איצט אין גרענד פאלעי טעאַטער טוט וואָס ער קען — און ער קען! און דער עולם לאַכט און האָט הנאה. אפנים, אַז אַ עלעגאַנטער אָפּערעטן־אַקטיאָר קאָן דעם יידישן טעאַטער־גייער נאָך אַמוזירן מיט אַ לידל, מיט אַ טענצל, מיט אַ וויץ און נישט אַרויף אויפן שלאַך פון נבול־פה און נידריקן שונד, דאָס נעמלעכע צוהערן אין אַלעקס־טעאַטער — פיין בחנט און ליהודים!

בכל אופן באַדאַרפן די ליטעראַרישע שוישפּילער נישט אַוועקפאָרן מיט אַ שווער האַרץ אויף „אונז", וואָלטן זיי געקומען מיט נייע זאַכן צו אונז, זאָגן מיר מיט דער „חתונה אין פערנוואלד" פון לייוויק א.א.וו., וואָלט עס מסתמא גאַנץ אַנדערש געווען. אמת, עס שטייט געשריבן „בכל יום יהיה בעינך כחדשים", אָבער ס'איז דאָך אויך „אין בית מדרש בלא חדוש" — איך שמועס זיך נאָר אַזוי גלאַט אַדורך מיט מיר ווייל ס'איז מיר באמת שווער אויפן האַרצן...

## 5. ק״ק כנסת ישראל

אָן שום ספק מוז אויסגעדריקט ווערן גרויס אנערקענונג די „ק״ק כנסת ישראל", די יונייטעד סינאַגאָג, פאַר דעם צוריק אין אָרדנונג ברענגען דאָס אַדלער־הויז מיט דעם וואַרעמען און באַקוועמען לעזע־זאַל און ביבליאָטעק. אָבער פאַר אַזאַ רייכע אינסטיטוציע ווי די באָרד אָף דעפּוטיס אין גרויס ברי־טאַניע, וואָלט עס זיכער נישט קיין סך אויסגעמאַכט ווען די ביבליאָטעק זאָל זיך פאַרשאַפן די נייע אויסגאַבעס אין העברעאיש און אין יידיש, וואָס דער־שיינען יעצט, כן ירבו, אין דער הונדערטער, און נישט רק אלץ בלייבן ביים אַלטן. אפשר וואָלט אויך מתוך דעם געפונען דעם וועג צום יידישן לעזע־זאַל און ביבליאָטעק אויך דער יוגנטלעכע לעזער...

אויך זיינען די איינגעפירטע זונטאָג־קאָנצערטן יעצט אין אדלער־הויז פון גרויס וויכטיקייט! אָבער ס'וועט זיי לגמרי גאָרנישט אָפּקומען פון ענג־לישן יחוס, אויב אין אַ פּראָגראַם, געדריקט אין ענגליש, (פון וועלכן דער ק״ק קיניגט אַראָפּ ווי אַ בע״ה להבדיל), אין וועלכן ס'פאַרנעמט אַ מענער כאר מער ווי די העלפט מיט יידישע פאָלקס־לידער, און דער עולם האָט אויך פון דעם טייל די גרעסטע הנאה, מער ווי פון „טראוויאטא" און זולצער, א.א.וו. ווערן אַלע קאָמפּאָזיטאָרן כביכול, דערמאָנט ביי זייערע נעמען און זייערע קאָמ־פּאָזיציעס, אויסגערעכנט ווי זיי הייסן און פון וואָס פאַר אַן אָפּערע אַרויס מען האָט זיי גענומען, נאָר פאַר די אַלע וווּנדערלעכע יידישע פאָלקס לידער איז פאַראַנען דאָס איינע אומפאַרשטענדלעכע וואָרט .Traditional

דאָס איז אפנים נאָך די אַלטע יידישלעכע טראַדיציע „דער גוי איז טריפה אָבער דער גראָשן איז כשר" — און דאָ ביי דער ק״ק כנסת ישראל איז עס

מיט דער קאַפּאָטע אומגעקערט: יידיש איז טריף ווי חזיר, נאָר דעם עולם האַלטן דערמיט מעג מען. דאָס איז שוין מער ווי באַהאַלטענע גלייכגילטיקייט, דאָס איז שוין — די אַלטע שנאה פון יהודים צום מזרח ייד; צו יידיש! און אַז מזרח־יידן יהודים זיינען זיי נאָך פויפסטלעכער ווי דער פויפסט.

## 6. א פאַדערונג צו דער „פעדערייישאָן“

עס וואָלט באמת געווען אַ פאָרשלאַג פאַר די „פעדערייישאָן“, אַז זיי זאָלן זיך אַ נעם טאָן צו אונזער מאַמע־לשון — מ'האַלט דאָך אין איין שרייען, אַז „יידיש איז טויט“, „יידיש איז געשטאָרבן“, און אַ טויטן טוט מען דאָך וויי־ניקסטנס זיין רעכט... די „פעדערייישאָן“ איז דאָך די ח"ק פון די מזרח יידן...

איז אויב ס'פּאַסט נישט די „יוניטעד“ צו האָבן צו טאָן מיט יידישער לי־טעראַטור און קולטור, אַ חוץ עס צו פאַרדעקן און צו פאַרזשאַרגאָנעווען, צו ניוויעלירן און דעגראַדירן, זאָל דאָך די „פעדערייישאָן“ איינאָרדענען יידישע לעקציעס, רעפעראַטן אין יידיש, קאָנצערטן א.א.וו. — די יידיש קולטור איז דאָך זייער האָב און גוטס, מיטגעבראַכט פון די יידישע שטעטלעך, זייער היי־ליקסטע און טייערסטע ירושה — עס איז דאָך אַ פלאַץ להתגדר בו, צו זיין שטאָלץ מיט די אייגענע יידישע אוצרות.

און אויב די יידישע שטעטלעך זיינען אויסגעקוילעט און פאַרטיליקט, וואָלט דאָך אַזאַ האַנדלונג געווען דער אמת'ער חסד של אמת; די ריכטיקע מצבה נאָך די מיליאָנען אומגעקומענע און קדושים.

איניקע היימישע אגודה־ און „פעדערייישאָן“ רבנים פאַרשטייען דאָס! מען ברויך נאר צו הערן לערנען אַ פסוק חומש הרב צימערמאַן אין די ווינטער־דיקע פרייטאָג־צונאכטס אויף זיין פויליש־חסידישן און רבניש־בעל־דרשנדיקן שטייגער, אָדער הרב אָרטמאַן, דעם רעדאַקטער פון דער אגודהשער יידישער וואָכנצייטונג, אויף זיין מתנגדיש־ליטווישן מגידישן אופן.

און איז דען נישט אונזער ליטעראַטור און קולטור יידישלעכער המשך פונם בראַצלאַווער, פונם באַרדיטשעווער און פונם דובנער?

פונם ריין יידישן, קולטורעלן און אַפילו פונם רעליגיעזן נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט מוז דאָס די יידישע קהלה נעמען אין איר האַנט, ווי די וואַרשאַ־ווער און די ווילנער קהילות האָבן עס געטון, און וואָס אַמשנעלסטן, איידער עס ווערט צו שפּעט. וואָרים עס איז אַ סך לייכטער צו פאַרלירן חלילה די 12 מיליאָן יידן אין גלות, ווי צו האָבן אין גיכן די ערשטע 2 מיליאָן יידן אין ישראל.

אָדער איז עס ביי אונזערע מזרח יידן דאָ אין לאָנדאָן, ביי די פירנדיקע ראשים פון די „פעדערייישאָן“ אויך שוין ליהודים'דיק?... און די גאַנצע היי־ליקע ירושה פון דער היים ליגט זיי אויך שוין אין דער לינקער פיאה?.... דאָס ווילט זיך בשום־אופן נישט גלויבן. **ש.**



# יחזקאל נח ערלעכמאַן

## דער סוד פון „קציצת צפרנים“

(חסידישער פאָלקלאָר)

דער גרויסער רבי ר' נפתלי צבי ראפשיצער ז"ל, איז א חוץ זיין גדלות אין נגלה און נסתר, איז ער אויך געווען באקאנט ביים פאלק אלס א זער הומאַניסטישער און גוטמוטיגער מענש. ער האט ליב געהאט צו הערן און צו זאגן גלייך ווערטלעך, וואָס מען האט געדיינקט, אַז ער זאגט עס „דברים של מה בכך“, אבער טייל מאל איז געווען איינגעהילט אַ טיפע כוונה.

אַ מאָל ווען ער איז געוועזן אין לובלין, איז צו געקומען צו אים אַ חסיד (קענטיג נישט פון די גרויסע חכמים) און זאגט צו אים: רבי, שוין זינט אַ צייט ווי איך האב באמערקט, אַז יעדן פרייטאָג שניידט איר אָפּ אייערע נעגל, ערשט ווען איר קומט אַהיים פון די מקוה, און וייל עפ"י דין, דארף מען דאך דאס צו טון פאר די מקוה, דען עס איז דאך אַ חשש חציצה, פארשטייט זיך דאך אז איר האט אין דעם אַן ענין נסתר, בעט איך דעם רבין, אז ער זאל מיר מגלה זיין דעם סוד דערפון.

דער רבי ר"נ האט זער נישט ליב געהאט מען זאל אים נאָך קוקן אין זיינע התנהגות, און האט געוואָלט ער זאל זיך אָפּטשעפּן פון אים, זאגט ער צו דעם חסיד, וואָס טויג דיר זיך אַריין צו לאזן אין סודות. דו האסט נאך גענוג צו לערנען און לימוד הנגלה, און מיין נישט אז סודות קומען אָן אזוי גרינג. זעסטו, צו דערגרייכן דעם סוד פון „קציצת הצפרנים“ מוז מען זיין צוגעגרייט מיט פ"ד (84) תעניתים און ש"ע (370) טבילות, און גרויסע סיגופים, דאמאלט קאן מען האבן די זכיה משיג צו זיין דעם גרויסן סוד, אבער איך זאג דיר נאך אמאל לאז אב די סודות, און זיי מקיים „והנגלות לנו ולבנינו“, די ווייסט דאָך דעם פסוק „במופלא ממך אל תדרוש“.

דער חסיד האט נישט פארשטאנען אז דער רבי האט דאס געזאגט בדרך בדיחותא האט ער עס אנגענומען פאר ערנסטע ווערטער. און האט זיך גענומען אויספירן דעם גאנצן צעטל, וואָס דער רבי האט צו אים געזאגט, עס איז אַוועק אַ צייט מיט מאָנאטן, ווען דער ר"נ איז ווידער געקומען קיין לובלין, האט זיך דער חסיד פארגעשטעלט פאר אים, און געזאגט, אז ער האט פינקט־לעך אלעס מקיים געווען, ווי דער רבי האט אים געזאגט, און איז שוין יעצט גרייט אויף צו נעמען דעם סוד פון קציצת צפרנים נאך די מקוה.

דער ר"נ האט אין אנפאנג נישט פארשטאנען וואס ער מיינט, ער האט אין גאנצן פארגעסן, וועגן דעם שמועס פון „קציצת צפרנים“ נאר נאכדעם ווי דער חסיד האט אים דערמאנט, וועגן דעם שמועס, איז ער געווען זער אויף געבראכט צו הערן אז דער חסיד האט עס אָנגענומען פאר ערנסט, און האט נישט פארשטאנען אז ער האט דאס נאר געזאגט אלס וויץ, כדי ער זאל זיך פון אים אָפּטשעפּן.

זאגט ער צו א [illegible] י אלע זאכן, און ביזט זיך שוין פא[illegible]לה זיין דעם „גרויסן סוד“.

זאלסט וויסן, אז א [illegible] די מקוה זעלבסט איז ווארעם האב איך נאך פאר די מקוה, א הייסע וואַנע, און דאס מאכט די נעגל זער ווייך, און שניידן זיי זיך ווייך ווי פוטער.

די אלע וואָס זענען גראד געווען אין בית המדרש, און זיך צו געהערט, האבן אויסגעבראכן אין א גרויס געלעכטער. האט זיך דער חסיד ערשט גע־כאפט, אַז די אַלע הכנות, וואָס ער האט דורכגעמאכט, איז עס נאר אַ וויץ, בדרך הלצה. האט עס אים שטארק פארדראסן. ער איז אריין צום רבין מלובלין ז״ל, און זיך באקלאגט, אז ר״נ האט אים געמאכט צו נאר. און איז געווארן אויסגעלאכט און פארשעמט.

דער לובלינער האט געשיקט נאך ר״נ און אים פארגעוואָרפן, היתכן ר׳ נפתלי! איר האט נישט געדארפט אַזוי צו טון, דער יוד מיט זיין תמימות האט טאקע געמיינט, אז עס שטעקט אין דעם, וואס פאר א סודות. נו! קומט דאך אים נאך נישט דערפאר אזוי מבייש צו זיין, און נאך אלעמען שטייט דאך אין די תורה „תמים תהי׳ עם ד׳ אלקיך“ עס שטייט נישט „חכם תהי׳“.

דער רבי ר״נ האט זיך שטארק מתנצל געווען, אז עס איז אים גאר נישט אין זין געלעגן דעם יוד אבצונארן, „מיין טבע איז שוין אזוי צו זאגן אמאל א גלייך ווערטל אין אלע קאנען מיך שוין דערפאר“, איך האב אויך דעם יוד געזאגט, אז ער זאל זיך דערווייל לאזן צופרידן מיט נגלה. כ׳האָב אים נאך געזאגט דעם פסוק „במופלא ממך אל תדרוש“ און עס איז מיר נישט איינגעפאלן אז ער וועט עס נעמען ערענסט.

אבער — האט ער פארטגעזעצט — דער חסיד און איך קאנען מיר א סך לערנען פון דעם געשעעניש, אז זוכה צו זיין צום „תמים תהי׳ דארף מען טאקע זיין אַ „חכם תהיה“.

---

## רעדאקציע נאטיץ

דער המשך פון א. מ. פוקס, די אַרטיקלען פון יוסף הלל לעווי, פון אפרים טויבענהויז, הערש שישלער א.א. אין קומענדיק חודש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 3־טן דעצעמבער — אַ היינע פייער צום 150 געבוירן: א. פאַלושאק
שבת, דעם 10־טן — רודאלף ראקער 75־טן געבוירן טאג: מינדל און דרין.
שבת, דעם 17־טן — אַ גרויסער חנוכה־וואָרט־קאָנצערט.
שבת, דעם 24־טן — אַ דיסקוסיע איבער אַש׳ס לעצטע ביכער.
שבת, דעם 31־טן — די טראַדיציאָנעלע מענדעלע מוכר ספרים פייערונג.



AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

---

## נעקראלאג
## עליאס לאוב, ניו-יארק.

טיף בייג איך מיין קאָפּ פאר דעם פרישן קבר פון **עליאס** (אליהו) **לאוב**, אנ׳אַלטן יידיש־סאָציאליסטישן וועטעראן און אַ נאָענטן האר־ציקן פריינט פון מיינע יונגע יאָרן. די היינט צעזייטע און צעשפרייטע פון דעם דאמאלס יונגען י. ל. פרץ־פאַראיין אין בערלין וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן זיין מסירת נפש פאר דער יידישער קולטור און אומ־דערשראָקענעם קאמף פארן שלום אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען אַ מוטיקער אומדערשראקענער קעמפער און געטרייער חבר און פריינט. איך וועל אים קיינמאל נישט פארגעסן.

לאָנדאָן — אליהו פאלושאק

---

## חבל על דאבדין

מיין טיפן מיטלייד צו דער פאמיליע פון דעם פלוצים פארשטארבענעם קולטור טוער און פען־חבר **א. לאוב** ז״ל ת.ז.ל.

מאריס קאַץ

---

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צו די פרוי דא אין לאנדאן און קינדער און אייניקלעך אין ישראל צום טויט פון ר׳ **משה מיללער**, דעם ציוני־ותיק.

פריינט פון יידיש לשון

---

טיף גערירט פונם טויט פון אונזער פריינט **מאריס** (משה נוסמאן) דריקן מיר אויס אונזער טיפן צער

אברהם און חנה הינדע שפיגעלמאן

---

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן צער אונדזערע קרובים דא אין לאנדאן און מעבר לים צום פארלוסט

פון אונדזער פעטער **לייבוש שעכטמאן** ז״ל

זאל דער גוטער נאמען, וואָס ער האט צוריקגעלאָזט זיין אַ טרייסט פאר דער משפחה.

אליהו, גיטעלע און יוליה פאלושאק

TOWER HAMLETS LIBRARIES

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק דעם 18־טן דעצעמבער 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון

**„בן-אורי" קונסט גאלעריע**

14 פּאָרטמען סטריט ווו.1

**א גרויסע חנוכה פייערונג**

חזן שמואל ראטה
וועט צינדן חנוכה־ליכט און זינגען
העברעאישע און יידישע לידער.
י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען

ארייַנפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

אייַנטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער

**„די צייט"**

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

## א לעצטע ווארנונג

מיר וועלן זיין געצוווּנגען, צום נייעם יאָר, אדורכצוקוקן די קארטאָטעק פון אונזערע אַבאָנאמענטן און די וואָס האבן נישט באצאלט, וועלן מיר פון קומענדיקן יאָר אָן אָפּשטעלן דאס שיקן דעם זשורנאל.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגנדיקן נייעם אַדרעס:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*